STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05232

BENDZSHAMIN FRENKLIN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בענדזשאמין פראנקלין

דער בארימטער אמעריקאנער געלערנטער און מלוכה־מאן.

באַרבעט לויט פאַרשיידענע קוועלן (א. אָנענסקאַ, וו. מונט א. א.)

פון ש. באַסטאָמסקי.



פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול".

ווילנע—1927.

GIFT ANON

B. FRENKLIN.

(Biografja)

opracował S. BASTOMSKI.

Drukarnia F. Garbera, Wilno, Zawalna 25.

B F85B
C.8

I.

באָסטאָן מיט 200 יאָר צוריק. — די סעקטע פוריטאַנער. — דאָס לעבן אין נייעם לאַנד. — דאָס פופצנטע קינד.

דער באַרימטער אַמעריקאַנער געלערנטער און מלוכה־מאַן בענדזשעמין פרענקלין איז געבאָרן געוואָרן אין באָסטאָן אין יאָר 1706.

איצט איז באָסטאָן איינע פון די שענסטע און בליענדיקסטע שטעט פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע.

דער באָסטאָן פון יענער צייט, מיט 220 יאָר צוריק, איז באָרניט ענלעך געווען אויף דער איצטיקער פראַכטפולער שטאָט מיט די פילגאָרנדיקע מויערן, מיליאָנען מענטשן, טויזנטער אווטאָמאָבילן.

אין יענער צייט איז די גאַנצע שטאָט באַשטאַנען פון עטלעכע ברייטע ניט־ברוקירטע גאַסן, פאַרבויטע מיט איין און צוויי־גאָרנדיקע הילצערנע הייזער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געצויגן גרויסע ליידיקע פלעצער. אויף די פלעצער האָבן זיך באַך ערטערווייז געזען מעכטיקע קאָרטשעס—רעשטן פון די אורי־אַלטעביימער, וואָס זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן פון די ערשטע קאָלאָניסטן.

פון איין זייט שטאָט האָט זיך געפונען דער מאַסאַטשוזעט־סער האַפן.

דער האַפן האָט דאַן אויך געהאַט גאָר אַן אַנדער אויסזען.

איצט זעט מען דאָרט שטענדיק אַ וואַלד פון מאַסטבוימער, אַלע ווײַלע קומען אָן און גייען אָפּ די גרעסטע שיפן.

YRARBIL CILBUP
NOTSOB

דאַן איז דאָרט נאָר געווען אַ מקום מנוחה פאַר געציילטע נעבעכדיקע שיפלעך...

די פראַכטפולע אינדזלען אויפן איינגוס זיינען נאָך געווען וויסט, ניט באַוווינט פון מענטשן.

פון דער אַנדער זייט שטאָט האָט זיך געצויגן אַ גראַנדיעזער אומענדלעכער וואַלד, וואָס איז נאָך ניט גערירט געוואָרן פון אַ מענטשנס האַק.

פון וואַלד פלעגן זיך דערטראָגן די געברילן פון די ווילדע חיות...

איבערן וואַלד האָבן אַרומגעוואַנדערט די רויטהויטיקע אינדיאַנער, וועלכע פלעגן זיך נאָך די חיות אַרומיאָגן.

דאָס הויז, וווּ ס'האָט געוווינט בענדזשעמינס פאָטער, יוסף-פרענקלין, איז געווען געבויט פון פשוטע קלעצער, אָן קיינע באַפּוצונגען. די מעבלירונג איז אויך געווען אָן איינפאַכע: אייגנהענטיק צונויפגעשלאָגענע ווייסע טישן, בעטן, בענק און קאַסטנס, עטלעכע פאָליצעס ביי די ווענט און גאָר.

די משפחה פרענקלין האָט ניט געזוכט קיין לוקסוס.

אין די יונגע יאָרן, ווינענדיק אין ענגלאַנד (באַבורי, אַ דאָרף ניט ווייט פון אָקספאָרד), איז יוסף פרענקלין גראָד געווען אַ רייכער מענטש, געהאַלטן אַ פאַרבעריי און געהאַט פרנסה בשפע. ער האָט אָבער געמוזט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע צוליב זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען.

די משפחה פרענקלין האָט געהערט צו דער סעקטע פּוריטאַנער, וועלכע האָבן געלייקנט אין פיל עקרים און מנהגים ווי פון דער אַלטער קאַטוילישער, אַזוי אויך פון דער נייער אַנגליקאַנישער קירך.

די פּוריטאַנער האָבן ניט געהאַלטן פון פייערלעכע גאָטעסדינסטן. בוקן זיך צו איקאָנעס האָט זיך ביי זיי גערעכנט פאַר געצנדינעריי. זיי האָבן ניט אָנערקענט די ענגלישע גלחים, קיינמאָל ניט באַזוכט קיין קלויסטער, פלעגן מתפלל זיין אין פשוטע, מיט קיין זאַך ניט באַצירטע הייזער.

די ענגלישע קיניגן, אונטערגעהעצט פון די גלחים, האָבן

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH

ניט געוואָלט פאַרטראָגן אַזאַ אַפּיקורסות ביי זיך אין לאַנד און שטאַרק גערודפט די פּוריטאַנער. ביי פיל פון די אַפּיקורסים האָט מען צוגענומען זייער פאַרמעגן, פאַרשפּאַרט זיי אויף יאָרן לאַנג אין די תפיסות.

ווען די פּוריטאַנער האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דעם ווייטן, ווילדן, ווייניק באַקאַנטן אַמעריקע איז יעדערן דערלויבט פריי זיך צו האַלטן אָן זיין גלויבן, אַז דאָרט קענען זיי פּטור ווערן פון די שטענדיקע רדיפות, האָבן זיי מאַסנווייז אָנגעהויבן צו עמיגרירן אויף יענער זייט ים און גרינדן דאָרט קאָלאָניעס.

די קאָלאָניעס האָבן געהערט צו ענגלאַנד. די קאָלאָניסטן האָבן אָנערקענט די אויבערמאַכט פון די ענגלישע קעניגן. זיי זיינען אָבער געווען ווייט פון דעם מוטערלאַנד און דעריבער גענאָסן פון פאַרשיידענע פּריווילעגיעס און פרייהייטן.

אין יאָר 1629 האָט אַ פּאַרטיע פון 300 פּוריטאַנער קאָלאָניסטן זיך באַזעצט אויפן ברעג פון מאַסאַטשוזעטסער אייגנס און געגרינדעט דאָרט די שטאָט באָסטאָן.

די ערשטע קאָלאָניסטן איז אָנגעקומען זייער שווער, איידער זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער וועלט. עס איז אויסגעקומען אויסצוהאַקן אוראַלטע וועלדער, וואָס זיינען פול געווען מיט ווילדע חיות; מע האָט געדאַרפט פירן אַ מוראדיקן קאַמף מיט די רויטהויטיקע אינדיאַנער, וואָס האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די ווייסע זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער.

וואָס פון יאָר זיינען אָבער צו די קאָלאָניסטן צוגעקומען אַלץ נייע עמיגראַנטן און די קאָלאָניעס האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מערער פאַרשטאַרקט.

ווען יוסף פרענקלין איז אין יאָר 1685 אָנגעקומען מיט זיין משפחה קיין אַמעריקע, איז שוין אין באָסטאָן געווען אַ באַפעלקערונג פון לערך 5000 איינוווינער.

איינאָרדנען זיך אין דער נייער היים איז געווען זייער שווער.

יוסף פרענקלין האָט געפּרוּווט עפענען אין באָסטאָן אַ פאַרבעריי.

די אונטערנעמונג האָט אים אָבער ניט געגעבן קיין חיונה, ווייל קיינער האָט אין דעם נייעם לאַנד קיין קליידער ניט געפאַרבן.

מע האָט זיך געמוזט נעמען צום אַקער, צו האַק און זעג.

די פאַמיליע איז געוואַקסן און אַרבעטן האָט מען געדאַרפט וואָס ווייטער אַלץ מער.

יוסף פרענקלין האָט געהאַט 17 קינדער און אַלעמען האָט מען געדאַרפט געבן עסן.

די קינדער האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט ביי זייער שווערע באַדינגונגען. וועגן צערטלען און פּיעשטשען זיי, נאָכגעבן זייערע קאַפּריזן האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. טאַטע־מאַמע איז שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט און איז צופרידן געווען, אַז די קינדער זיינען נאָר געזונט.

פון די פריסטע יאָרן האָבן זיך דריבער די קינדער צוגעוואוינט צו איינפאַכע בגדים, באַשיידענע שפּייזן, צו אויסגערעכנטקייט און פּינקטלעכקייט.

לויט די כּללים פון דער פּוריטאַנער סעקציע איז בכלל פאַרווערט געווען צו לעבן ברייט. אַ בעסערער ביסן, אַ שענערער בגד האָט זיך גערעכנט פאַר אַן עבירה. מע האָט זיך באַנוגנט מיט דעם סאַמע נוויטיקסטן.

ווי נאָר די קינדער פלעגן זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס, פלעגן זיי שוין פריי אַרומשפּאַצירן אָן השגחה איבערן שטוב און איבערן גאַס, פאַרנעמענדיק זיך ווי און מיט וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַליין געדאַרפט פאַרהיטן זיך פון געפאַר.

צו זיבן־אַכט יאָרן האָבן שוין די מיידלעך מיטגעהאָלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט, אַכטונג געגעבן אויף די ייִנגערע קינדער.

די ייִנגלעך פלעגן באַקומען נאָר די אָנפאַנגס־בילדונג אין דער שטאָטישער שול און, ניט פאַרענדיקנדיק זי אפילו, נעמען זיך לערנען אַ מלאכה.

פון קינדוווייז אויף האָבן די קינדער געזען, אַז מע מוז כּסדר אַרבעטן. זיי האָבן זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מע זאָל קענען אַנדערש לעבן, ניט אַרבעטנדיק, זיין אָן אַ באַשטימטער טעטיקייט. טאַטע־מאַמע, די שכנים, די קרובים—אַלע האָבן געאַרבעט פון פרי ביז שפּעט און די קינדער האָבן זיך שוין פון

די פרייִקע יאָרן אויך געגרייט צו אַ באַשיידענעם אַרבעט־זאַמען לעבן.

אין אָט דער משפחה, ביי אַזוינע באַדינגונגען איז דעם 6־טן יאַנואַר 1706 געבוירן געוואָרן בענדזשעמין פרענק־לין. ער איז געווען דאָס פופצנטע קינד ביי זיין פאָטער.

II.

דער קליינער אווטאָדידאַקט. — דאָס טייערע פייפל. — מלאָכה אָדער בילדונג. — דער בריוו. — אין דער לאַטיינישער שול.

— איך קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז אונדזער בען*) זאָל זיין אַן איינפאַכער אַרבעטער—האָט איינמאָל זיך אָפּגערופן פרוי פּרענקלין צום מאַן, ליבלעך באַטראַכטנדיק דעם קליינעם זון אירן, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקעלע פאַרטיפט איבער אַ בוך—זע נאָר, איך בעט דיך, דאָס קינד איז דאָך נאָך קיין 6 יאָר ניט אַלט און לייענט שוין און שרייבט, ווי אַ דערוואַקסענער.

— קענען לייענען און שרייבן איז קיין חסרון ניט פאַר קיין אַרבעטער אויך — האָט רויִק געענטפערט דער פאָטער.

— איך ווייס, נאָר מיר דאַכט, אַז ער וואָלט געקאָנט שטייגן העכער פון אַ געוויינטלעכן אַרבעטער... מיר וואָלט זיך אַזוי וועלן אים בילדן, ס׳זאָל פון אים אַרויסקומען אַ געלערנטער—האָט אָפּגעזיפצט די מוטער.

— לאָמיר נאָר זען, עס זאָל פון אים אַרויסקומען אַן אָרנטלעכער, אַרבעטזאַמער מענטש און גאָר! —האָט דער פאָטער פאַרענדיקט דעם שמועס.

דער קליינער בענדזשעמין איז געווען זייער אַ פייִק קינד.

*) פאַרקירצטע צערטל־פאָרם פון בענדזשעמין.

פון די פריסטע יאָרן האָט ער שוין פאַרמאָגט אַ שטאַרקע ליבע צום לערנען און גרויסע באַאָבאַכטונגס־פייִקייטן.

אויף אַלץ פלעגט ער אַכטונג געבן, קיין דערשיינונג ניט דורכלאָזן ניט פאַרשטייענדיק.

די אַרומיקע עלטערע זיינען כּסדר געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט און ניט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט אים. דאָס יונגע קינד האָט דעריבער שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אים, און אַליין געשאַפן זיך דערקלערונגען צו פאַרשיידענע אומבאַקאַנטע דערשיינונגען.

קיינער האָט אים קיינמאָל ניט געלערנט ניט לייענען, ניט שרייבן—און צו 5 יאָר האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט ביכער.

ווען די עלטערע ברידער און שוועסטער פלעגן מאַכן זייערע לעקציעס, פלעגט ער זיך דרייען אַרום זיי, צוקוקן זיך צו אַלץ, וואָס זיי טוען, און אויף אַזאַ אופן פון זיך אַליין זיך אויסגע־לערנט די קונץ פון לייענען און שרייבן.

פון דאַן אָן איז לייענען געוואָרן זיין באַליבטסטע צייט־פאַרטרייב. אָפּטמאָל פלעגט ער זיך פון בוך גאָר ניט קענען אָפּ־רייסן און אָפּזיצן איבער אים גאַנצע טעג.

די איבעריקע קינדער פלעגן לאַכן פון אים. נאָר די מוטער פלעגט זיך שטענדיק אָננעמען פאַר איר ליבלינג.

— ס׳איז מיין חכמל!—פלעגט זי כּסדר זאָגן!

איינמאָל, דערהערנדיק, ווי די מוטער לויבט דעם קינדס חכמה, האָט זיך דער פאָטער אַזוי אָפּגערופן:

— אָט וועלן מיר אויף טשיקאַוועסט אויספּרובירן זיין שכל. הער נאָר, בען! אין שטאָט איז היינט אַ מאַרק. גיי אונטער אַהין און קויף זיך דיר, וואָס דיר וועט געפעלן. איך וועל דיר געבן געלט. געדענק אָבער, אַז דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, שוין באַלד זיבן יאָר אַלט... זאָלסט זיך ניט לאָזן נאַרן:...

ביי מיסטער פרענקלינס קינדער איז געלט געווען אַ זעלטנ־הייט. איז פאַרשטענדלעך דעריבער, אַז דעם טאַטנס מתּנה האָט פאַרשאַפט דעם קינד גרויס פאַרגעניגן.

ער האָט שטייף פאַרקוועטשט אין פויסט די עטלעכע מטבֿעס, אויף גיך אַרויפגעכאַפּט דאָס היטל און אַוועק אין מאַרק אַרייַן.

דער געדאַנק, אַז דער פֿאָטער האַלט אים שוין פֿאַר אַ גרויסן און טרויט אים שוין אָן געלט, האָט אים געפֿרייט אפֿשר נאָך מער, ווי די מתנה גופֿא.

אין קאָפּ בייַ אים האָבן אָנגעהויבן דורכצופֿליען די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געזען אין די געשעפֿטן.

שוין פֿון לאַנג האָט זיך אים געוואָלט האָבן אַ גאַנצע רייַנע העפֿט, אַ גאַנצן, ניט קיין פֿאַרשניצטן בלייַפֿעדער און נאָך און נאָך זאַכן.

פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען, איז ער זיך אַזוי דורכגעגאַנגען אַ גאַס. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ס'האָבן זיך דערהערט עפּעס מאָדנע אָנגענעמע קלאַנגען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. בייַ אַ טויער פֿון אַ הויז איז געשטאַנען אַ ייִנגל, עטוואָס עלטער פֿאַר אים, און געשפּילט אויף אַ קליין הילצערן פֿייַפֿל. דאָס ייִנגל איז געווען פֿאַרטיפֿט אין גייַן אַרבעט און האָט, ווייַזט אויס, שטאַרק הנאָה געהאַט.

בען האָט זיך צוגעהערט מיט התפּעלות. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז מע זאָל אויף אַ פֿייַפֿל אַזוי וווּנדערלעך שפּילן.

אַלע פֿריערדיקע פּלענער זייַנען תּיכּף אַרויסגעפֿלויגן בייַ אים פֿון קאָפּ. קיין בעסערס ווי אַ פֿייַפֿל איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

— וועט אים אָבער קלעקן געלט אויף דעם?

און ער לאָזט זיך לויפֿן צום נאָענטסטן געשעפֿט.

— פֿאַראַן בייַ אייך פֿייַפֿלעך? — פֿרעגט ער מיט אַן אויפֿגערעגטער שטים.

— ביטע, וויפֿיל איר ווילט — שמייכלט דער קרעמער און לייגט אויס פֿאַרן קינד אַ פּאַק פֿייַפֿלעך.

— גיט מיר איינע! בעט דאָס ייִנגל — איך וועל אייך דערפֿאַר אָפּגעבן מייַנע גאַנצע געלט.

— וויפֿיל געלט האָסטו? — פֿרעגט דער קרעמער — וועט דאָס קלעקן?

בען איז אומעטיק געוואָרן: — און וואָס, אַז ס׳וועט פעלן!

— אָט איז מיין געלט! — זאָגט ער מיט אַ מורא אין שטים און לייגט אַוועק אויפן טיש זיין גאַנצן פאַרמעגן — גיט מיר אַ פייפל...

דער קרעמער האָט איבערגעציילט דאָס געלט און איז געבליבן צופרידן.

— ביטע, קלייבט אויס, וועלכע אייך געפעלט.

בען האָט מיט ציטערדיקע הענט אויסגעקליבן אַ פייפל און איז אויף גיך אַרויס פון געשעפט.

אַ קשיה אויף אַ מעשה — דער קרעמער קען נאָך חרטה האָבן און אָפּנעמען ביי אים דעם אוצר.

און באַלד האָט ער גענומען פייפן מיט אַלע כּוחות.

ביי אים איז ניט אַרויסגעקומען, ווי ביי יענעם ייִנגל, נאָר ער האָט געשפּילט שטאַרקער פאַר יענעם.

די פאַרבייגייער האָבן זיך פאַרקוקט אויף אים. איינער האָט אפילו באַמערקט: — שוין איינמאָל אַ מוזיקאַנט!

ניט לאַנג געטראַכט, איז בען געלאָפן אַהיים באַרימען זיך מיט דער מציאה.

— ווי? דו ביסט שוין דאָ צוריק? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט די מאַמע.

— יאָ — האָט ער געענטפערט און גענומען פייפן.

— וואָס האָסטו דאָס געקויפט?

— אַ פייפל, מאַמע, אַ זעלטן פייפל... הער נאָר, הער, ווי עס שפּילט...

— און וואָס נאָך? — האָט געפרעגט אַן עלטערע שוועסטער.

— מער גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט אַוועקגעגעבן פאַרן פייפל.

ס׳קען ניט זיין! פאַר אַזאַ נאַרישקייט? אָט אַ חכם! — האָט גענומען שרייען איינער פון די ברידער.

— דו האָסט געפרעגט, וואָס עס קאָסט דאָס פייפל? האָסט זיך געדונגען? — האָט געפרעגט די מאַמע.

— ניין, כ'האָב ניט געפרעגט. כ'האָב אַוועקגעגעבן דעם קרעמער דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב געהאַט, און ער האָט צוגענומען—האָט בען דערציילט אַ פאַרשעמטער.

— פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט צוגענומען — האָט געלאַכט דער ברודער—און אַז דו וואָלסט אים געבן 5 דאָלער, וואָלט ער ניט צוגענומען?

— פאַר דיין געלט האָסטו געקאָנט קויפן פינף אַזוינע פייפלעך—האָט באַמערקט די שוועסטער.

— איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס מע האַלט בענען פאַר אַ קלוגן—האָט זיך געוואונדערט אויפן קול אַ צווייטע שוועסטער—אַ קלוגער יינגל וואָלט קיינמאָל אַזאַ נאַרישקייט ניט אָפּגעטאָן—צוועק־געבן 20 סענט פאַר אַ פייפל, וואָס איז ניט ווערט קיין 5 !...

בען האָט ניט געענטפערט, זיך ניט פאַרענטפערט. די באַ־גייסטערונג מיטן פייפל איז פאַרשוווּנדן. ער האָט אַליין אויך דער־פילט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט. צוליבן פייפל האָט ער פאַרלאָרן פיל גוטע זאַכן, וואָס ער האָט געקאָנט קויפן פאַרן געלט.

חוץ דעם—אַלע אַרומיקע האָבן איצט געביטן די גוטע מיינונג וועגן אים. מע וועט אים שוין האַלטן פאַר אַ נאַרעלע...

אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך געשטאַרקט און דאַן אַרויסגע־פּלאַצט מיט אַ שטאַרקן געוויין.

אויפן געוויין איז אַריינגעקומען דער פאָטער. דערוווּסט זיך, וואָס ס'איז געשען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אָבער רחמנות געקראָגן אויפן קינד און זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ צערטלעכער אָבער ערנסטער שטים:

— הער אויף צו וויינען, בען! פאַרפאַלן. זע נאָר ניט צו פאַרגעסן די היינטיקע לעקציע. יעדעס מאָל, ווען עס וועט זיך דיר עפּעס וואָס שטאַרק פאַרוועלן, זאָלסטו אַ טראַכט טאָן: איז דאָס ניט קיין פייפל? צי לוינט צו באַצאָלן אַזוי טייער פאַר אַ זאַך, פון וואָס מע האָט נאָר איין מינוט הנאָה?

דעם פאָטערס ווערטער האָבן באַרויִקט דעם קינד. ער האָט אויפגעהערט צו וויינען און באַשלאָסן מער ניט צו קויפן קיין פייפלעך.

אָט די געוויינטלעכע געשיכטע פון די קינדער־יאָרן האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם אויף בענדזשעמין פרענקלינען, אַז ער האָט דאָס געדענקט ביז אויף דער עלטער.

זייענדיק 73 יאָר אַלט, האָט ער וועגן דעם דערציילט אין אַ בריוו צו איינעם פון זיינע פריינד און דערביי צוגעגעבן:

פון דאַן אָן איז יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך מיר פאַרוועלן וואָס קויפן, וואָס ניט נויטיק איז, פלעג איך צו זיך אַליין זאָגן: — באַצאָל ניט צו טייער פאַרן פייפל!

און דאָס געלט פלעגט בלייבן אין קעשענע.

באַקאָנענדיק זיך מיטן לעבן, צוקוקנדיק זיך צו די מענטשן, האָב איך געזען, אַז פיל באַצאָלן צו טייער פאַרן פייפל.

ווען איך האָב געזען אַ כּבוד־זוכער, וואָס האָט ביז גע־קאַרגט קיין מי און געזונט, נאָר זיך צו דערשלאָגן צו אַ הויכן טיטול אָדער צו גנאָד פון אַ העכערן פון זיך — האָב איך געטראַכט: ער צאָלט צו טייער פאַרן פייפל!

ווען איך האָב געזען אַן אומגליקלעכן, וואָס שטרעבט אָנ־צולעבן זיך וואָס מערער געלט און אָנטזאָגט זיך פון פאַרגעניגן צו האָבן פריינד, צו טאָן יענעם גוטס, פאַרדינען אַלגעמיינע אַכטונג — האָב איך געטראַכט: — ווי טייער ער צאָלט פאַרן פייפל!

ווען איך האָב געזען אַ נאַרישן אויסברענגער, וואָס פאַר־שווענדט זיין גאַנצן פאַרמעגן נאָר אויף געשמאַקע מאכלים, אויף שיינע בגדים און פאַרשיידענע פוסטע פאַרגעניגנס, האָב איך גע־טראַכט: — אוי, ווי טייער ער באַצאָלט פאַרן פייפל!

קורץ — מע קען זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פון די מענטש־לעכע צרות נעמט זיך דערפון, וואָס מענטשן קענען ניט אָפּשאַצן די זאַכן לויט זייער אייגן ווערט און צאָלן צו טייער פאַר די „פייפלעך".

פאָטער און מוטער האָבן זיך שטאַרק מישב געווען, צי זיי זאָלן בילדן דעם זון צי ניט.

מיסטער פרענקלין האָט באַמערקט דעם ייִנגלס חשק צו ביכער און זיינע פייִקייטן. ער איז אָבער געווען אַ מענטש זייער

אַ פּאַרזיכטיקער און האָט אַזוי לייכט ניט געקאָנט באַשליסן די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון זיין זון.

ווען בען וועט לויטן בײַשפּיל פון די עלטערע ברידער צו 12 יאָר אָנקומען צו אַ וועלכע עס איז מלאָכה, וועט ער שוין צו 14 יאָר אָנהייבן פאַרדינען פאַר זיך. דערגייענדיק גוט די אַרבעט, וועט ער אויפן גאַנצן לעבן באַזאָרגט זיין מיט אַ שטיקל ברויט. ווען אָבער דאָס קינד זאָל זיך פאַרנעמען מיטן לערנען, וועט דעם פאָטער אויסקומען ביז אַ יאָר 20 אויסצוהאַלטן אים אויף זיין חשבון, באַזאָרגן אים מיט ביכער, מכשירים א. ד. גל.

פון וואַנען זאָל מען דאָס נעמען? —

מיסטער פרענקלין איז גרייט געווען צו אַרבעטן, ביז וואַנען עס וועלן קלעקן כוחות. ער האָט אָבער מורא געהאַט צופיל צו פאַרלאָזן זיך אויף זיך.

חוץ דעם איז בען געווען ניט קיין בן־יחיד. ס'איז ניט יושרדיק אָפּצוגעבן איינעם גאָר און די איבעריקע גאָרניט.

בען איז אַלט געוואָרן 9 יאָר און זיין גורל איז נאָך אַלץ ניט באַשטימט געוואָרן, ביז וואַנען אַ צופעליקער בריוו האָט ענדלעך באַשטימט זיין צוקונפט.

בען האָט געהאַט אין ענגלאַנד אַ פעטער.

דער פעטער איז אפילו געווען אַ בעל מלאָכה, אַ פאַרבער, נאָר זייער אַ געבילדעטער מאַן. ער האָט פיל געלייענט און אפילו אַליין געשריבן לידער. דער פעטער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט זיין ברודערנזון און שטענדיק געענטפערט אים אויף זיינע קינדערשע בריוו.

פון בענס איין בריוו, צו וועלכן עס איז ביינעלייגט געוואָרן אַ שיר, איז דער פעטער שטאַרק נתפּעל געוואָרן און האָט אָנגעשריבן צום ברודער אַזאַ ענטפער:

— „פון דיין בענס בריוו האָבן מיר געהאַט גרויס פאַרגעניגן, איך האָב דעם בריוו געוויזן באַקאַנטע און קיינער גלויבט ניט, אַז דאָס זאָל האָבן געשריבן אַן אַכט יאָריק ייִנגל, וואָס האָט זיך נאָך אין ערגעץ ניט געלערנט. אַ זעלטן טאַלענטפול קינד!

דאַרפסט זען אים בילדן! איך האָב געהערט, אַז ביי אייך אין באָסטאָן איז פאַראַן אַ לאַטייניִשע מיטלשול. גיב אים אָפּ אַהין און זאָל ער זיך גרייטן צו אַ העכערער שול".

דעם ברודערס ווערטער האָבן געווירקט און מיסטער פרענקלין האָט אָפּגעגעבן בענען אין דער לאַטייניִשער שול.

דער לערער האָט אפילו ניט געוואָלט אָננעמען דעם נייעם תלמיד, ווייל ער איז נאָך געווען יינגער פאַר דער באַשטימטער נאָרמע, נאָר דער פאָטער איז צוגעשטאַנען.

— ווער ווייס, צי ער וועט די שול פאַרענדיקן, זאָל ער זיך דערווייל לערנען, כל זמן ער טויג נאָך ניט צו קיין אַרבעט. נאָכדעם וועט מען זען.

פאַרשטענדלעך, אַז בען איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד, ווען ער האָט זיך דערוווסט וועגן פאָטערס באַשלוס אָפּצוגעבן אים אין דער שול.

— געדענק—האָט צו אים דער פאָטער געזאָגט — גאַנץ מיגלעך, אַז דיר וועט ניט לאַנג אויסקומען זיך צו לערנען אין דער שול. זע מיט אַלע כוחות צו באַקומען דאָרט וואָס מער ידיעות!

— איך וועל זיך באַמיען—האָט צוגעזאָגט דאָס קינד און אויפגעהויבן אויפן פאָטער די אויגן, אין וועלכע עס האָט געברענט אַ פעסטער באַשלוס.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

בען איז געווען יינגער פאַר אַלע שילער און קיינער פון זיי האָט זיך ניט באַצויגן צו די לימודים מיט אַזאַ ערנסט און פלייס, ווי ער.

אין אַ פאַר חדשים אַרום איז ער געוואָרן דער ערשטער שילער פון ערשטן קלאַס און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער שוין אַריבער אין צווייטן.

III.

בען פאַרלאָזט די שול. — פון די לימודים צו חלבענע ליכט.—דער צוריקקער פון פאַרפאַלע־נעם ברודער.—בען גאַרט צו ווערן אַ מאַטראָס. — די אומרויקייט פון דער מוטער. — דער אויסוואַל פון אַ מלאָכה.

מיסטער פרענקלין איז אַפּילו געווען צופרידן מיט דעם זונס פעולות אין לאַטיין. ער האָט אָבער אָפּט באַדויערט, וואָס דער זון לערנט זיך אַזוינס, וואָס קען שפּעטער אין לעבן ווייניק צוניץ קומען.

דאָך האָט ער אים ביז אַ צייט געלאָזט באַזוכן די שול.

אינגיכן האָט זיך געמאַכט אַ סיבה, און בען האָט געמוזט די שול פאַרלאָזן. די סיבה איז געווען פאָלגנדיקע:

מיסטער פרענקלין האָט אויסגעפּרוווט פאַרשיידענע מלאָכות און ענדלעך באַשטימט צו עפענען אַ ליכט־פאַבריק.

אין דער אַרומיקער געגנט איז געווען פיל פיך. חלב האָט געקאָסט ביליג און ליכט זיינען געווען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל, ווייל אין אַמעריקע האָט מען נאָך דאַן ניט געוווסט ניט נאָר פון עלעקטרע, נייערט אפילו פון נאַפט־לאָמפּן.

פראַנקלין האָט אויסגעאַרבעט זיין סחורה גוט און ביליג, האָט געקראָגן דעם צוטרוי פונם עולם און דאָס געשעפט איז גוט אַוועק.

די פאַבריק איז געווען ניט קיין גרויסע, געאַרבעט האָבן נאָר דער פאָטער און דער עלטערער זון דזשאָן.

נאָר אָט האָט בענס עלטערער ברודער חתונה געהאַט און איז אַרויסגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

דער פאָטער איז געבליבן אַליין.

אַלע קינדער זיינען געווען איינגעאָרדנט ביי אַנדערע באַ-
שעפטיקונגען. אין שטוב איז געבליבן נאָר איין בען.
לאַנג האָט דער פאָטער זיך ניט אַנטשלאָסן אָפּצורייסן דעם
זון פון דער שול. ענדלעך איז ער אָבער געצוווּנגען געוואָרן דאָס
צו טאָן און מיט אַ שווערן האַרצן געמאָלדן דעם זון, אַז נאָך
קאַניקול וועט ער שוין מער אין שול ניט גיין.
— ניט גיין? — האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט דאָס
יִנגל — פאַרוואָס? וואָס וועל איך טאָן?
דער פאָטער האָט דערקלערט דעם זון, אַז ער וויל אים
צונעמען אין פאַבריק פאַר אַ באַהעלפער.
בען האָט זיך נאָך געפּרוּווט ווערן:
— איך קען דאָך דזשאַנען ניט פאַרבייטן? ער האָט גע-
פירט די ביכער, און איך האָב אַ שלעכטע האַנטשריפט און בין
שוואַך אין חשבון.
דער פאָטער האָט אָבער דערצו אויך געפונען אַן עצה. ער
האָט געדונגען אַ לערער, וועלכער פלעגט אַלע אינדערפרי לערנען
מיטן יינגל חשבון און שרייבן.
קיינע טענות האָבן ניט געהאָלפן. בען איז אריין אין דער
אַרבעט.
די אַרבעט אַחוץ די ליכט איז אים געווען ווייטער ניט צום
האַרצן.
אָפטמאָל פלעגט ער זיך באַקלאָגן פאַר דער מאַמען.
— צי דען האָט מען מיך ניט געקאָנט האַלטן נאָך אַ פּאָר
יאָר אין שול?
די מאַמע פלעגט אים אָנווייזן אויף דער לאַגע און ער
פלעגט זיך אונטערגעבן.
די אַרבעט פלעגט ער אָבער טאָן אָן חשק.
אָפטמאָל טראַגנדיק ליכט פלעגט ער פאַרבלאָנדזשען אויף
דער שול-גאַס, פאַררעדן זיך מיט געוועזענע חברים, פונאַנדער-
פרעגן זיי, וואָס זיי לערנען, באַטראַכטן זייערע ביכער.
די שטרענגע אויסריידן פון פאָטער, די פאַרוואָרפן פון
דער מוטער פלעגן אים שטאַרק וויי טאָן. ער פלעגט חרטה

B F85B c.2

האָבן אויף זיינע מעשים, האָבן טענות צו זיך און ... נאָך מער פיינט קריגן די אַרבעט, וואָס פאַרשאַפט אים אַזוי פיל אומאָנ־גענעמלעכקייטן.

כּדי צוצוגעבן אים וואָס מער חשק צו דער אַרבעט, האָט אים דער פאָטער אָנגעהויבן צו געבן ביכער צום לייענען.

ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. בען פלעגט פאַרברענגען ביים לייענען גאַנצע אָוונטן און, קומענדיק צו דער אַרבעט, טראַכטן נאָר וועגן דעם געלייענטן. און די קנויטן פלעגן אַרויסקומען קורץ און די ליכט אין קעסטל פלעגן זיך ניט איינלייגן..

נאָך פיל ערגער איז אַוועק די אַרבעט ביי בענען, ווען אַהיים האָט זיך פּלוצלונג צוריקגעקערט פרענקלינס עלטערער זון י ו ס ף. יוספן האָט זיך פאַרוואָלט ווערן אַ מאַטראָס און ער איז מיט צען יאָר צוריק אַנטלאָפן פון די עלטערנס הויז. ער איז אָנגעקומען פאַר אַ מאַטראָס אויף אַ האַנדלס־שיף און די עלטערן האָבן פון אים די גאַנצע צייט ניט געהערט. זיי האָבן אים שוין געהאַלטן פאַר פאַרלאָרן. פּלוצלונג, אין צען יאָר אַרום, קומט ער אָן קיין באָסטאָן שוין ניט קיין יינגל, נאָר אַן עכטער ים־שווימער.

דזשאָן האָט זיך אָנגעדערציילט פאַרשיידענע וווּנדערלעכע מעשיות פון זיינע רייזעס, וועגן די ווייטע לענדער און ימען.

בען איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אַלע דערציילונגען.

ער האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו ביכער, יעדע פרייע מינוט פאַרבראַכט מיטן ברודער, כּסדר זיך צוגעהערט און פונאַנדערגעפרעגט.

אומזיסט האָט יוסף נעפּרוווט אָפּקילן ביי אים דעם אינ־טערעס צום מאַטראָסן־לעבן; פאָרגעשטעלט אים אַלע שוועריקייט פון ים־לעבן, געשילדערט אים די אָפט דראָענדיקע לעבנס־געפאַר.

קיין זאַך האָט אויף בענען ניט געקאָנט ווירקן.

ערגער פאַר די ליכט קען שוין קיין זאַך ניט זיין. שוין בעסערן צו קעמפן מיטן טויט אויף די ים־כוואַליעס, איידער צו שטאַרבן פון אומעט אין דעם טאַטנס ליכט־פאַבריק.

אָפּזייענדיק ביי די עלטערן אַ פּאָר חדשים, האָט זיך יוסף גענומען קלייבן אין וועג אַריין.

מיט אַ פּאָר טעג פאַרן ברודערס אָפּפאָרן איז בען צוגע־שטאַנען צו דער מוטער, גענומען זי בעטן, זי זאָל פּועלן ביים פאָטער, ער זאָל אים אָפּלאָזן מיטן ברודער. ער, בען, וויל אויך אָנקומען אויף אַ שיף פאַר אַ יונג.

דערהערט דעם זונס רייד, האָט זיך די מוטער זייער דער־שראָקן.

זי האָט געפּרוווט דערווייזן בענען, אַז אַן אַרבעטזאַם פאַמיליענלעבן אויף איין אָרט איז אַ סך בעסער, ווי אַ נע ונד־לעבן, אָן אַ היים, אויפן וויסטן ים.

— אפשר אַנדערע וועט טאַקע אַ רוק לעבן אויף איין אָרט בעסער געפעלן—האָט בען געטענהט—נאָר איך, ווען איך טו נאָר אַ טראַכט, אַז מיר וועט אויסקומען אַ גאַנצן לעבן צו מאַכן חלבענע ליכט, דאַכט זיך מיר, אַז ערגערס קען שוין ניט זיין!

די מוטער האָט איבערגעגעבן דעם מאַן וועגן אירע שמועסן מיטן זון און דער פאָטער האָט זיך אויך דערשראָקן ניט ווייניקער פאַר איר.

יוסף האָט אָן די עלטערנס דערלויבעניש ניט מיטגענומען דעם ברודער און איז אַוועקגעפאָרן אַליין.

מיט זיין אַוועקפאָרן אָבער איז די געפאַר ניט אַריבער־בען האָט שטאַרק געבענקט. די אַרבעט איז ביי אים געגאַנגען וואָס ווייטער אַלץ ערגער.

זייער אָפט פלעגט ער אויסנוצן די געלעגנהייט און אַוועק־לויפן צום האַפן דרייען זיך אַרום די מאַטראָסן, וואָס פלעגן קומען און אָפּפאָרן.

— דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי איך ציטער איבער פאַר בענען—האָט כסדר געטענהט מיס פרענקלין צום מאַן—מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז ער וועט אויך אַנטלויפן פון אונדז ווי יוסף און ווערן אַ מאַטראָס. דו ווייסט ניט, ווי ער האַסט זיין אַרבעט!

— נישט צו מאַכן! —האָט איינמאָל באַשלאָסן דער פאָטער—

מע דאַרף אים אָפּגעבן צו אַן אַנדער אַרבעט. אויב די נייע אַרבעט וועט אים זיין צום האַרצן, וועט ער ווערן פלייסיקער און פאַרגעסן די נאַרישקייטן.

דעמזעלביקן טאָג האָט דער פאָטער געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיטן זון. ער האָט אים דערקלערט, אַז ער באַפרייט אים פון דער פאַבריק און לייגט אים פאָר אַליין אויסצוקלייבן זיך אַ טאַלענט, אָבער אָפּפאָרן וועט ער אים בשום אופן ניט דערלויבן.

— קענסט זיך אויסקלייבן, וואָס דו ווילסט — האָט דער פאָטער געזאָגט צום זון, נאָר געדענק, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, אַז דער אויסוואַל איז שוין אויפן גאַנצן לעבן!...

איך וועל דיך ניט איילן. פון מאָרגן אָן הייב אָן אַרומצוגיין איבער די וואַרשטאַטן פון שטאָט, קוק זיך צו, ווי אַזוי עס ווערט דאָרט געפירט די אַרבעט, און אין אַ חודש אַרום זאָג מיר, אויף וואָס דו האָסט זיך אָפּגעשטעלט.

דעם פאָטערס פּלאַן איז בענען זייער געפעלן געוואָרן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך גיך צוקלייבן אַן אַרבעט, וואָס וועט אים זיין צום האַרצן. באַזונדערס אָבער איז ער געווען צופרידן, וואָס ער איז פטור געוואָרן פון די ליכט.

אויף מאָרגן האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער פאַרשיידענע וואַרשטאַטן אין שטאָט. פיל באַלמעלאָכעס זיינען געווען פערזענלעך באַקאַנט מיטן מיסטער פרענקלין. אַלע האָבן אים געשעצט און דעריבער זייער ליבנסווירדיק אויפגענומען זיין זון, דערקלערט אים, ווי אַזוי פאַרשיידענע זאַכן ווערן געמאַכט, דערלויבט אים צוצוקוקן זיך צו אַלץ, וויפיל נאָר ער האָט געוואָלט.

בען איז געווען ביי אַ קופערשמיד, ביי אַ גאָלדשמיד, ביי אַ סטאָליער, האָט געפרוווט אָפּטאָקן עטלעכע קלייניקייטן אויף אַ טאָקאַרניע, געאַרבעט אַ פּאָר טעג אין אַ ציגל־פאַבריק, אין אַ שמידעריי.

די אָפּטע בייטעניש פון דער אַרבעט, די שמועסן מיט די אַרבעטער, די באַקאַנטשאַפט מיטן געברויך פון פאַרשיידענע

אינסטרומענטן—דאָס אַלץ איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט געוועקט זיין אינטערעס צום וויסן.

נאָך עס זיינען אַריבער טעג נאָך טעג און ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַשטימען, וואָס פאַר אַ מלאָכה ער וועט זיך נעמען לערנען גרינטלעך, וואָס פאַר אַן ארבעט ער וועט זיך אויסוויילן אויפן גאַנצן לעבן.

IV.

ביים מעסער-פאַבריקאַנט. - ווידער אָן אַרבעט. — בען - אַ שווימער און אַ דערפינדער. — צי דאַרף מען לערנען מיידלעך?

בען האָט געהאַט אַ פעטער, וואָס איז ס"ה אַ יאָר צייט געווען אין אַמעריקע. דער פעטער האָט געעפנט אין באָסטאָן די ערשטע פאַבריק פון מעסערס.

צוגלייך מיט אַנדערע וואַרשטאַטן האָט בען באַזוכט אויך דעם פעטערס וואַרשטאַט.

דער פעטער האָט באַמערקט די פּייִקייטן פונם יינגל און גענומען אים צורייִדן אָנצוקומען צו אים אין פאַבריק.

דער פעטער איז געווען אַ קאָפּ-מענטש, פלעגט אַלץ זוכן פאַרשיידענע נייע מיטלען, ווי זיך צו פאַרלייכטערן און אויסצו-בעסערן די אַרבעט.

די פאַרשיידנקייט פון דער אַרבעט, די נויטיקייט אָנצווענדן ביי איר דערפינדונג, צו אַרבעטן ניט נאָר מיט די הענט, נייערט אויך מיטן קאָפּ — דאָס אַלץ איז בענען זייער געפעלן געוואָרן.

איינמאָל, קומענדיק אַהיים, האָט ער געמאָלדן דעם פאָטער, אַז ער האָט ענדלעך באַשטימט זיין פאַך: ער וויל ווערן אַ מעסער-מאַכער.

— זייער גוט, איך בין צופרידן—האָט געענטפערט דער פּאָטער—דער באַלעבאָס איז אַן אייגענער מענטש, די אַרבעט האָט אַ צוקונפט—אַלץ גוט, נאָר איך האַלט זיך ביי מיינס: אייל זיך ניט. אַרבעט פריער ביי אים אַ פּאָר וואָכן אויף פּראָבע, דער־ביי די אַרבעט, זאָל ער דערקענען דיינע פייִקייטן, דאַן וועלן מיר אָפּמאַכן מיט אים ענטגילטיק.

בען האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פּאָטערס עצה און אָנגעהויבן פלייסיק צו אַרבעטן ביים פּעטער.

— דאַנקען גאָט!—האָט אין עטלעכע טעג אַרום געזאָגט די מוטער—דעם קינד איז די אַרבעט געפעלן געוואָרן, ער לויפט אין פאַבריק אַזוי גערן, ווי פריער אין שול.

עס זיינען אַוועק צוויי וואָכן. ביידע צדדים זיינען געווען צו־פרידן איינער פון דעם אַנדערן. איצט האָט בען, לויטן מנהג פון יענער צייט, געדאַרפט אָנקומען אויף עטלעכע יאָר פאַר אַ לערניונג. נאָר דאָ האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע.

דער פּעטער איז, אמת, געווען זייער צופרידן פון בענען, נאָר פאַרן לערנען אים האָט ער פאַרלאַנגט, מע זאָל אים גוט באַצאָלן — 20 פונט סטערלינג, ניט ווייניקער.

בענס פּאָטער האָט זיך געפּרוווט דינגען, פאַרגעלייגט צו־לייגן די סומע אויף ראַטעס—ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן, דער פּעטער האָט ניט איינגעשטימט, און בען איז ווידער געבליבן אָן אַרבעט.

— דו זיי נאָך אָפּ דעם זומער ביי מיר—האָט דאַן דער פּאָטער געזאָגט—און צו האַרבסט צו וועל איך דיך אָפּגעבן צו וואָס עס וועט זיך מאַכן. די יאָרן שטייען ניט אויף אַן אָרט.

בען האָט ווידער גענומען באַזוכן פאַרשיידענע וואַרשטאַטן, אַרבעטן עטלעכע טעג דאָ—דאָ, דאָ—דאָרטן.

נאָר ס'איז געווען אַ הייכער זומער און ס'האָט אים גענומען ציִען פון די דושנע צימערן אויף דער פרייער לופט, צום ברעג ים.

דאָרט פלעגט ער זיך טרעפן מיט אַנדערע ייִנגלעך פון זיין עלטער.

מע האָט געשטיפּט, געשפּילט זיך, שטענדיק פריילעך פאַר־בראַכט די צייט.

אין אַלע שפּילן פלעגט בען נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל.

עטלעכע מאָל אַ טאָג פלעגט מען זיך באָדן, שווימען, שיפן זיך, מיען זיך איבערצושטייגן איינע די אַנדערע.

בען האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע שווי־מער און רודערער, האָט קונציק אָנגעפירט מיט רודער און זעג־לען, געאַרבעט ניט ערגער פאַר אַ מאַטראָס.

— מיט דיר קען מען זיך גאָרניט פאַרוועטן, דו שווימסט אַזוי גיך! — האָט איינמאָל געזאָגט צו אים זיינער אַ גוטער חבר.

— גיך? דאָס הייסט נאָך ניט גיך — האָט בען געענטפערט — וואַרט, אָט וועל איך צוטראַכטן אַ מיטל, וועט מען דאַן טאַקע קענען שווימען גיך.

— וואָס פאַר אַ מיטל? האָבן נייגעריק געפרעגט די אַרו־מיקע חברים.

— אָט וועט איר זען.

— ווען וועט דאָס זיין?

— מעגלעך אַז מאָרגן, איך האָב עפּעס פאַרטראַכט.

— בען האַלט אין איין טראַכטן — האָבן די חברים געלאַכט — אַן אמתער דערפינדער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט בען געבראַכט עפּעס פאַרוויקלט אין אַ טיכל.

אַן עולם נייגעריקע יינגלעך האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט

— וואַרט — האָט בען געזאָגט.

ער האָט אָנגעטאָן אויף די הענט און פיס דינע לאַנגע ברעט־לעך און זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

— ער וועט ווייט דערמיט ניט אַוועקשווימען! — האָבן געזאָגט פיל חברים — די הענט מיט די פיס זיינען ביי אים ווי גע־בונדן, ער קען זיך פריי ניט באַוועגן.

די דערפינדונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר אויסגע־צייכנט.

בען האָט זיך פלינק באַוועגט אין וואַסער און אין אַ קורצער צייט ווייט אַריבערגעיאָגט די בעסטע שווימער.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אויפן ברעג, האָבן אים שוין אַלע באַגעגנט מיט פרייד־געשרייען.

— בראַוואָ! אויסגעצייכנט! אַן אמתע דערפינדונג!

בען האָט אַראָפּגענומען די ברעטלעך און גענומען זיי באַטראַכטן.

— דו ביסט, דאַכט זיך, מיט דיין דערפינדונג ניט גאָר צופרידן? — האָט אים געפרעגט אַ חבר.

— דעם אמת זאָגנדיק — ניט אינגאַנצן! — האָט בען געענטפערט — די הענט טוען וויי און אויף די פיס זיינען די ברעטלעך אינגאַנצן איבעריק. מע מוז צוטראַכטן עפּעס אַנדערש.

— דו ביסט קיינמאָל ניט צופרידן מיט דעם, וואָס דו מאַכסט! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער חבר.

— דיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז מע קען אַלץ מאַכן בעסער! — האָבן געזאָגט אַנדערע יינגלעך.

בען האָט קיינזאַך ניט געענטפערט און איז אַוועק אַהיים.

— לאָמיר זיך וועטן, אַז בען וועט נאָך עפּעס צוטראַכטן אַ נייס! — האָט באַמערקט אַ דריטער חבר, ווען בען איז אַוועקגעגאַנגען.

און ער האָט טאַקע געטראָפן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז בען געקומען אויפן ברעג, האַלטנדיק אין האַנט אַ גרויסע פּאַפּירענע שלאַנג.

— וואָס איז דאָס? — וואָס ווילסטו טאָן? — האָבן געפרעגט די חברים.

— ס'איז אַ זעגל — האָט בען געמאָלדן. — זיי אַזוי גוט, פ ר ע ד, — האָט ער זיך געווענדעט צו אַ חבר — און פיר אַריבער מיינע זאַכן אין אַ שיפל אויפן אינדזל און איך וועל אַהין צושווימען.

— וואָס רעדסטו? ווי אַזוי? ס'איז צו ווייט, דו וועסט זיך איינמידן!

— דו מיינסט, אַז די שלאַנג וועט דיר העלפן? פאַרקערט, זי וועט דיר נאָך שטערן!

בען האָט אָבער געטאָן זיינס: אַרויסגעלאָזן די שלאַנג אינ־דערהייך און געלייגט זיך אויפן רוקן אין וואַסער, האַלטנדיק אין ביידע הענט דאָס שטריקל.

די שלאַנג האָט געדינט, ווי אַ זעגל, און מיט זיין הילף האָט דאָס יינגל אָן קיינע שוועריקייטן, כּמעט ניט באַוועגנדיק מיט קיין מוסקול, גיך דערגרייכט דעם באַשטימטן אָרט.

פרעד האָט נאָך ניט באַוויזן צוצופירן די בגדים, און בען איז שוין געשטאַנען אויפן ברעג און געוואַרט.

פריידיקע געשרייען פון די חברים זיינען צו אים דערגאַנ־גען פון ברעג. ער האָט זיך אָנגעטאָן און צוזאַמען מיט פרעדן געקומען אין שיפל צו די חברים.

— זעלטן! זעלטן! — האָבן זיך די חברים ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

— זאָג נאָר, בען, פאַרוואָס עפּעס ביסטו צוריק געקומען ניט מיטן שלאַנג, נאָר מיטן שיפל? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ יינגל.

— אָט דאָס איז דאָך דער קונץ — האָט בען דערקלערט — די שלאַנג איז ווי אַ זעגל. קעגן ווינט קען מען מיט איר ניט שווימען.

— אַ שאָד! און איך האָב געמיינט, אַז איצט, ווען דו האָסט צוגעטראַכט אַזאַ זאַך, וועט מען זיך שוין ניט דאַרפן לערנען שווימען — האָט באַמערקט אַ יינגל אַ פּחדן, וואָס האָט זיך מורא געהאַט צו לייגן אויפן וואַסער.

— אומזיסט געהאָפט! — האָט בען געלאַכט — וואָס מען זאָל ניט צוטראַכטן, מוז מען זיך אַלץ אויסלערנען אַרבעטן אין וואַסער מיט די הענט און מיט די פיס.

בען האָט איצט אויך פיל געלייענט. וועגן דעם געלייענטן האָט ער ליב געהאַט צו שמועסן מיט די חברים, שטענדיק זיך געמיט קלאָר צו מאַכן די ווייניק פאַרשטענדלעכע געדאַנקען און ווערטער.

באַזונדערס האָט ער זיך באַפריינדעט מיט איין יינגל, ווען ער האָט זיך נאָך געלערנט אין שול. דזשאָן קאָלינס האָט יענער געהייסן.

די קינדער פלעגן זיך אָפּט אָפּזאָגן פון די שפּילן, אוועקגיין פון די חברים און צוזאַמען לייענען אָדער שמועסן וועגן די פראַגן, וואָס האָבן זיי אינטערעסירט.

איינמאָל האָבן זיי זיך לאַנג געאַמפּערט וועגן דער פראַגע, צי מע דאַרף לערנען מיידלעך פּונקט אַזוי ווי יינגלעך.

דזשאָן האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז איבעריק מיידלעך צו לערנען, אַז די מיידלעך זיינען נאַרישער פאַר די יינגלעך. בען האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, האָט הייס פאַרטיידיקט די גלייכבאַרעכטיקונג פון מיידלעך אויף בילדונג.

זייערע מיינונגען האָט יעדערער שפּעטער פאַרטיידיקט שריפטלעך, אין בריוו. יעדערער איז געבליבן ביי זיין מיינונג.

איינמאָל האָט בען געוויזן דעם פאָטער די בריוו, כדי צו דערגיין ביי אים זיין מיינונג וועגן דער פראַגע.

— ניט שלעכט — האָט דער פאָטער באַמערקט — עס טרעפן זיך פיל גוטע און אפילו אָריגינעלע געדאַנקען.

— ווער אָבער איז גערעכט? ווער איבערצייגט בעסער? — איז בען ניט אָפּגעטראָטן.

— ביי יעדערן טרעפן זיך אי ריכטיקע אי פאַלשע געדאַנקען. דזשאָן שרייבט אָבער קלערער, דייטלעכער.

און דער פאָטער האָט אים אָנגעוויזן אַלע גרייזן און פעלערן פון זיין ווערק, די אומקלאָרע, פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען.

בען איז געבליבן אַ צעקלעמטער.

ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז דער פאָטער איז גערעכט, אַז ער קען טאַקע ניט שרייבן. וואָס טוט מען אָבער? קיין מעגלעכקייטן צום לערנען זיך זיינען ניטאָ. מע מוז זיך נעמען צו אַ מלאָכה, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט.

בען האָט זיך דערפילט דערשלאָגן.

V.

די ערשטע דרוקעריי אין באָסטאָן.—די לאַגע פון די לערניינגל̄עך.—דער יונגער וועגעטאַראַניער.

אינדעם איז קיין באָסטאָן צוריקגעקומען פון ענגלאַנד בענס אַ ברודער דזשעמס. דזשעמס האָט זיך אין ענגלאַנד אויסגעלערנט די קונסט פון דרוקן און, קומענדיק קיין באָסטאָן, געעפנט דאָרט אַ דרוקעריי.

אין יענער צייט איז אין אַלע ענגלישע קאָלאָניעס געווען ניט מער ווי 2—3 דרוקערייען. נאָר אפילו די געציילטע האָבן געהאַט ווייניק אַרבעט, ווייל אַלע ביכער פלעגט מען ברענגען פון אייראָפּע.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער נייער אונטערנעמונג, האָבן די באָסטאָנער איינוווינער געסָפּקט, צי דער באַלעבאָס אירער וועט האָבן ברויט.

מיסטער פרענקלין האָט זיך די ערשטע צייט אויך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו דעם זונס אונטערנעמונג.

נאָר עס זיינען אַריבער אַ פּאָר וואָכן און עס האָבן זיך גענומען ווייזן באַשטעלונגען. אין אַ חודש אַרום האָט ער שוין אַליין ניט געקענט אויסקומען און געמוזט זוכן אַ געהילף.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן—האָט זיך איינמאָל אָפּגערופן דער פאָטער צו בענען—קום גאָר אָן צו דזשעמסן פאַר אַ שילער. דו האָסט דאָך אַזוי ליב צו לייענען!... און דאָרט וועסטו דערגרייכן דאָס, צו וואָס דו שטרעבסט.

בען האָט איינגעשטימט און גענומען זיך לערנען זעצעריי ביים ברודער. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס השק און פלייס און געפונען חן ביים ברודער אין די אויגן.

לויטן אָפּמאַך, וואָס דער פאָטער האָט געשלאָסן מיט

דזשעמסן, האָט בען געדאַרפט אָנקומען צום ברודער אויף אַ טערמין פון נ י י ן יאָר צייט.

אַזוי זיינען געווען די מנהגים פון יענער צייט.

דער אָפּמאַך האָט געשטעלט פאָדערונגען צו ביידע צדדים.

דער שילער האָט זיך פאַרפליכטעט: אָרנטלעך צו דינען דעם מייסטער, אָפּהיטן זיינע סודות, אויספירן אַלע זיינע באַפעלן, ניט קאַליע מאַכן די מכשירים, ניט קויפן און ניט פאַרקויפן קיין זאַך אָן דעם באַלעבאָס׳ דערלויבעניש, ניט פאַרשאַפן אים קיין היזקות און אומאָנגענעמלעכקייטן, ניט באַזוכן קיין טראַקטירן און שענקען, ניט שפּילן אין קאָרטן, ביינער א. א. פאַרבאָטענע שפּילן, ניט חתונה האָבן אָן דעם באַלעבאָס׳ דערלויבעניש, ניט אַוועקגיין פון שטוב, ווי בייטאָג, אַזוי ביינאַכט, אָן דעם באַלעבאָס דערלויבעניש.

דער מייסטער פון זיין זייט האָט זיך פאַרפליכטעט: אויס־לערנען דעם שילער די קונסט פון דרוק־אַרבעט און אין משך פון די 9 יאָר געבן אים עסן, טרינקען, דירה און אַלץ, וואָס ס׳וועט אים נויטיק זיין.

די לאַגע פון די לערניינגלעך איז אין יענער צייט געווען זייער אַ שווערע.

דער טערמין איז געווען זייער אַ לאַנגער. די באַלעבאַטים האָבן זעלטן אויסגעפירט זייערע התחייבותן ווי עס דאַרף צו זיין; פון די שילער אָבער האָבן זיי געפאָדערט נאָך מער, וויפיל זיי האָבן געהאַט רעכט. פיל באַלעבאַטים האָבן זיך באַצויגן צו זיי־ערע שילער, ווי צו קנעכט, געצוווּנגען די יונגע קינדער צו אַר־בעטן איבער די כוחות אין וואַרשטאַט און אויסער דעם—נאָך אויס־פירן פאַרשיידענע שטוביקע אַרבעטן, געשלאָגן מכּת רצח פאַר יעדער קלייניקייט.

צוליב דיזאַזיקע סיבות איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין די דאַמאָלסדיקע צייטונגען פלעגן זיך אָפט באַווייזן מעלדונגען פון די באַלעבאַטים וועגן אַנטלאָפענע לערניינגלעך. פאַרן כאַפּן אַזאַ בורח פלעגט מען גוט באַלוינען. דער בורח פלעגט אויך קריגן גוט באַלוינט... מיט קלעפּ.

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס פאָטער און מוטער זיינען געווען זייער צופרידן, וואָס בען איז אַריינגעפאַלן ניט אין קיין פרעמדע הענט, נאָר צו אַן אייגענעם ברודער.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אייגענער ברודער האָט אויך געשטרעבט אַרויסצופּרעסן פון ברודער וואָס מערער נוצן פאַר זיך.

די ערשטע צייט אָבער איז דאָס לעבן ביי די נייע באַדינגונגען בענען זייער געפעלן געוואָרן.

אינדערהיים האָט מען געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ קינד, אָפּטמאָל ניט דערלויבט אים צו טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, געמוסרט אים, געשטראָפט.

אין וואַרשטאַט האָט זיך בען דערפילט ווי אַ דערוואַקסענער, אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש.

דער ברודער האָט זיך אפילו באַצויגן צו אים גאַנץ שטרענג, אָבער מער ווי אַ באַשטימטע צאָל שעהן פון אים ניט געפאָדערט. די איבעריקע צייט האָט בען געהאַט פולע פרייהייט.

בען האָט די צייט אויסגענוצט פאַר זיך, אויף לייענען.

דאָ אין דער דרוקעריי האָט זיך ווידער דערוועקט אין אים די ליידנשאַפט צום לייענען.

ער פלעגט דורכלייענען אַלע מאַנוסקריפּטן, ניט דורכלאָזן קיין איין געדרוקטע שורה.

אינדערהיים פלעגט דער פאָטער נאָך אָוונטברויט גלייך אויסלעשן דעם לאָמפּ און מע האָט געמוזט גיין שלאָפן. דאָ פלעגט בען זיצן איבער די ביכער ווייט איבער האַלבער נאַכט און קיינער האָט אים ניט געשטערט.

אינגיכן איז דידאָזיקע צייט אויך געווען פאַר אים ווייניק, ווייל איינער אַ באַשטעלער האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט פריי צו באַקומען ביכער פון זיין ביבליאָטעק.

בען האָט גענומען טראַכטן, ווי אַזוי אָפּצורייסן אויפן לייענען אַ שעה בייטאָג. זיך באַפרייען פריער פון דער אַרבעט האָט מען ניט געקאָנט. האָט ער צוגעטראַכט אַן אַנדער אויסוועג. ער מיטן ברודער פלעגן עסן מיטאָג אין אַ גאָרקיך. דאָרט

פלעגן זיך צונויפקומען די אַרבעטער פון די שכנותדיקע וואַר־שטאַטן. ביי מיטאָג פלעגט מען פאַרברענגען, דערציילן זיך וועגן פאַרשיידענע פּאַסירונגען. אַזוי אַרום פלעגן אַוועק אַ פּאָר שעה.

בען האָט זיך געפילט ניט גוט אין דער דאָזיקער געזעל־שאַפט. ס׳זיינען אַלץ געווען עלטערע אַרבעטער און זייער גע־זעלשאַפט איז אים געווען ניט אינטערעסאַנט.

איינמאָל רופט ער זיך אָפּ צום ברודער.

— זאָג מיר, דזשעמס, וואָס צאָלסטו פאַר מיין מיטאָג?

— וואָס הייסט?—האָט פאַרוואונדערט געפרעגט דער ברו־דער—אַזוי ווי פאַר זיך. און ער האָט אָנגערופן די סומע.

— ווייסטו וואָס—האָט אים בען פאָרגעשלאָגן—גיב מיר אַ העלפט פון דער סומע און איך וועל זיך מיין מיטאָג אַליין באַזאָרגן.

אַן אמתער גוטער פריינד וואָלט אַזאַ פאָרשלאָג פאַר קיין פאַל ניט אָנגענומען.

דזשעמס האָט אָבער מערער געטראַכט וועגן דער אייגענער קעשענע, ווי וועגן ברודער. פאַר אים איז געווען גענוג, אַז דער מיטאָג וועט אים קאָסטן אַ העלפט און ער האָט גלייך אָנ־גענומען בענס פאָרשלאָג.

בען איז געווען צופרידן.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט ער געלייענט אין אַ בוך, אַז דאָס פלייש עסן איז ניט אַזוי אומבאַדינגט נויטיק פאַרן מענטשן, אַז געזינטער איז צו דערנערן זיך מיט געוויקסן. אין בוך זיינען אויך אויסגערעכנט געוואָרן פאַרשיידענע שפייזן פון גרינסן.

בען האָט מסכים געווען מיט די אויספירן פונם מחבר און איז געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנער, ד. ה.—ער האָט אויפ־געהערט צו עסן פלייש און פיש.

נאָך עסנדיק איך גאָרקיך, האָט ער זיך געפרוווט האַלטן אָן דער נייער דיעטע. ער האָט עס אָבער דאָרט בשום אופן ניט גע־קאָנט אויספירן. חוץ דעם האָבן די אַרומיקע געלאַכט פון זיינע משוגעתן.

איצט, פאַר זיך, האָט זיך בען געקאָנט איינאָרדנען, ווי זיין האַרץ געלוסט.

צוגרייטן זיך אַ מיטאָג לויט די אָנגעוויזענע רעצעפּטן איז געווען זייער לייכט, ווייל דער מיטאָג איז באַשטאַנען נאָר פון ברויט מיט גרויפּן. די גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויפ־קאָכן די גרויפּן.

דאָס טעפּל פלעגט זיך שטיין אויפן פייער און בען פלעגט זיך דערווייל אַריינקוקן אין אַ ספר. דאָס עסן האָט אויך לאַנג ביט געדויערט. אַזוי אַרום, אַז דער ברודער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט שוין בען האָבן דורכגעלייענט אַ 30—40 זייטלעך.

די שטוביקע מיטאָגן האָבן געהאַט נאָך אַ מעלה: זיי האָבן געקאָסט זייער ביליג.

בען האָט דעריבער אין מֶשך פון עטלעכע וואָכן צונויפגע־קליבן אַ געוויסע סומע געלט און געקראָגן אַ מיגלעכקייט צו קויפן דאָס בויטיקסטע, וואָס ער האָט באַדאַרפט: ביכער, פּאַפּיר, בלייערס. בען איז געווען גליקלעך.

פאַר די ערשטע געלט האָט ער געקויפט אַן אַריטמעטיק און אַ גראַמאַטיק פון דער ענגלישער שפּראַך און גענומען שטודירן די לימודים, אויף וועלכע ער איז געווען אָפּגעשטאַנען.

נאָך אַ בוך האָט ער געקויפט — אַ זאַמלונג אַרטיקלען פון אַ באַוווסטן ענגלישן שריפטשטעלער. פון דעם בוך פלעגט ער מאַכן אַזוינע איבונגען: אויפמערקזאַם דורכלייענען עטלעכע מאָל אַן אַרטיקל, נאָכדעם פאַרשרייבן די געדאַנקען און געפילן, וואָס דער מחבר דריקט אויס, דאַן איבערגעבן מיט אייגענע ווערטער דיזעלביקע געדאַנקען און געפילן.

שפּעטער פלעגט ער פאַרגלייכן זיינע אַרטיקלען מיטן אָרי־גינאַל און פאַריכטן די פעלערן.

אָפטמאָל פלעגן אים אויספעלן פּאַסיקע ווערטער אויסצו־דריקן אַ געדאַנק אָדער צו שילדערן אַ בילד. דאַן פלעגט ער האָבן גרויס עגמת נפש.

VI.

די ערשטע געדרוקטע ווערק.—די שטרענגע קריטיק.—די נייע צייטונג אין באָסטאָן.—דער אומבאַקאַנטער מחבר.—די אַנטפּלעקונג.

אין יענער צייט האָט בען אויך אָנגעהויבן צו שרייבן די ערשטע לידער.

שרייבן לידער איז מיט דער צייט געוואָרן זיין באַליבטסטע באַשעפטיקונג.

ביי אים אין קעשענע האָבן זיך שטענדיק געפונען אָנגע־הויבענע לידער און אין דער צייט פון די הפסקות פלעגט ער זיי פאַרענדיקן.

איינמאָל האָט אים דזשעמס געכאַפּט ביי דערדאָזיקער מלאָכה.

— וואָס שרייבסטו דאָס?—האָט ער געפרעגט בענען—דאַכט זיך לידער?

בען איז רויט געוואָרן.

— איך האָב זיך אָנגעלייענט אין ביבליאָטעק די ווערק פון פאַרשיידענע פּאָעטן, האָט זיך מיר אויך פאַרוואָלט פּרובירן שרייבן...—האָט בען זיך גענומען פאַרענטפערן.

— ווייז נאָר אַ קוק טאָן—האָט דזשעמס געבעטן.

בען האָט ניט גערן איבערגעגעבן דעם ברודער אַ בלאַט, פאַרשריבן מיט לידער.

דזשעמס האָט גענומען לייענען.

פון אָנהייב האָט אַ ברייטער שמייכל באַדעקט זיין פּנים, אָבער וואָס ווייטער איז ער געוואָרן אַלץ ערנסטער און איבערליי־ענענדיק איינגאַנצן, האָט ער באַמערקט:

— זייער גוט. כ'האָב גאָרניט גערעכנט, אַז דו קענסט אַזוי

שרייבן! ניט ערגער פאַר די, וואָס דרוקן זיך אין די ביכער. האָסט נאָך אַזוינע?

בען האָט געמוזט ווייזן אַלע זיינע ווערק.

דזשעמס האָט זיי דורכגעלייענט און געגעבן דעם ברודער אַזאַ מין עצה:

— דו באַמי זיך דיינע לידער בעסער צו באַאַרבעטן, קלייב אויס אַ פּאָר פון די בעסטע, מיר וועלן זיי אָפּדרוקן און דו וועסט זיי קענען פאַרקויפן אין גאַס.

— דרוקן די אייגענע ווערק! ס'איז דאָך אַזאַ גליק, וואָס בען האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט! אָפטמאָל פלעגט ער אפילו חלומען צו ווערן אַ שריפטשטעלער, אָבער ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט זיין ערשט אַמאָל, אין דער צוקונפט, אָבער ניט איצט, ווען ער איז נאָך אַ לערניינגל...

דזשעמס' ווערטער האָבן אים שטאַרק געריירט.

עס האָט זיך געוואָלט אָנשרייבן עפּעס אַ רעכטס, אָבער ער האָט געציטערט, אַז ס'וועט זיך אים ניט איינגעבן.

בלייבנדיק אינאָוונט אַליין אין שטוב, האָט ער אַוועקגעלייגט די ביכער אָן אַ זייט און גענומען צוטראַכטן אַ ליד. ס'איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט, ווי ער האָט געהאָפט. אָפט האָט אויסגעפעלט אַ גראַם, איז געווען ניט אויסגעהאַלטן דער ריטם א. ד. גל.

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אים שלאָפלאָזע נעכט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען פאַרטיק געוואָרן צוויי באַלאַדן.

אין איינער האָט זיך באַשריבן, ווי עס איז אונטערגעגאַנגען אַ שיף — אַ פאַל, וואָס האָט דאַן ווירקלעך פּאַסירט; אין דער צווייטער באַלאַדע האָט ער געשילדערט די העלדנטאַטן פון אַ ים־רויבער — „די שוואַרצע באָרד".

בען האָט איבערגעגעבן די באַלאַדן דעם ברודער און דער ברודער האָט מסכים געווען זיי אָפּצודרוקן צו 100 שטיק פון יעדערער.

מע קען זיך פאָרשטעלן, ווי ס'האָבן געציטערט ביי בענען די הענט, ווען ער האָט געזעצט זיין אייגן ווערק, ווי ס'האָט ביי אים געקלאַפּט דאָס האַרץ פאַר פרייד, ווי ס'האָט געשיינט זיין

פנים, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען זיינע ווערק געדרוקט אויף אַ גוטן גלאַנציקן פּאַפּיר.

שווערער פאַר אַלץ איז געווען מיטן פּאַרקויפן, צייט איז אפילו געווען, נאָר בען האָט זיך זייער געשעמט. דער ברודער האָט אים צוגעגעבן מוט און בען איז ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אַוועק.

אין יענער צייט זיינען נאָך אין באָסטאָן קיין בוכגעשעפטן ניט געווען. בען איז געגאַנגען איבער די הייזער און פּאָרגעלייגט זיין „סחורה״.

אַ נייער ספר, געדרוקט אין באָסטאָן, האָט דעם עולם פאַר־אינטערעסירט. מע האָט די באַלאַדן גאַנץ גערן געקויפט, באַזונ־דערס די, ווו ס׳איז געווען באַשריבן די שיפסקאַטאַסטראָפע, וואָס אַלע האָבן נאָך געדענקט.

בען איז געקומען אַהיים זייער אַ צופרידענער מיט זיין דערפאָלג.

אויף מאָרגן איז די זאַך אַוועק נאָך בעסער. די בירגער האָבן איינע די אַנדערע איבערגעגעבן וועגן דער באַלאַדע און פילע האָבן שוין אַליין אָפּגעשטעלט דעם יינגל און געקויפט ביי אים זיינע ווערק.

אין משך פון 4 טעג איז כמעט די גאַנצע אויסגאַבע געווען פאַרקויפט, און די ברידער האָבן שוין געחלומט וועגן אַ גצווייטער אויפלאַגע.

נאָר דאָ האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס קיינער פון זיי האָט ניט דערוואַרט.

שבת אינאָוונט איז בען אַוועק אַהיים און פאַרבראַכט דאָרט דעם זונטאָג אין היימישן קרייז.

קומענדיק מאָנטאָג פרי צו דער אַרבעט, האָט ער אויסגעז־זען זייער שלעכט. דזשעמס האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער אים:

— וואָס איז דיר, בען?

דערציילט אים בען, אַז דער פאָטער האָט אים שטאַרק אָנגעזידלט פאַר די לידער.

וווּנדערט זיך דער ברודער: דאַכט זיך אַזוינע גוטע לידער?

בען גיט איבער דעם פֿאָטערס מיינונג, אַז אין די לידער ויינען פֿאַראַן אַ סך איבעריקע רייד, פֿיל גריַיזן און ווייניק געפֿיל. קורץ—זיי טויגן ניט.

— לידער—האָט דער פֿאָטער געזאָגט—קענען שרייבן נאָר אמתע פּאָעטן און אַזוינע שרייבער ווי איך פּטָרן נאָר אויף דעם אומזיסטע צייט.

— מע קען דאָך נאָך אָבער גאָרניט וויסן, וואָס פֿון דיר קען שפּעטער אַרויסקומען!—האָט דער ברודער גענומען טרייסטן בענען.

— יע, אָבער דערווייל האָט דער פֿאָטער פֿאַרוּוערט צו דרוקן און פֿאַרקויפֿן די רויע ווערק מיינע. אויב איך האָב פֿון שרייבן הנאה, קאָן איך שרייבן פּראָזע, וויפֿיל איך וויל, קיין לידער—נ י ט. און חוץ דעם—אַרומגיין און פֿאַרקויפֿן די אייגענע ווערק איז—ווי קלייבן נדבות...

דאָס ייִנגל האָט זיך שיר ניט צעוויינט.

— ס'איז מיר טאַקע געוועזן אַ שאַנד און אַ חרפּה!

— נאַרישקייטן!—האָט דזשעמס געזאָגט—דער פֿאָטער איז פֿון עלטערן דור. ער פֿאַרשטייט זיך ניט אַזוי גוט אויף די שאַפֿונגען פֿון די יונגע.

בען האָט שוין אָבער פֿאַר קיין פֿאַל ניט געוואָלט מערער דרוקן און פֿאַרשפּרייטן זיינע ווערק.

ער האָט געפֿונען, אַז דעם פֿאָטערס משפּט איז אַ ריכטי-קער. ער האָט פֿאַרניכטעט אַלע זיינע לידער און ניט געקאָנט זיך מוחל זיין, ווי אַזוי ער האָט זיך פֿריער דאָס ניט אַרומגעזען צו טאָן. איבערלייענענדיק נאָכאַמאָל די באַלאַדן, האָט ער געפֿונען אין זיי אַזוי פֿיל פֿעלערן, אַז ער האָט זיך פּשוט געשעמט פֿאַר זיך אַליין.

— ווי קום איך, דער עם-הארץ—האָט ער זיך געשטראָפֿט—חלומען צו ווערן אַ שריפֿטשטעלער!

די שטימונג ביי אים איז געפֿאַלן און ער האָט זיך אַ לענ-גערע צייט געפֿילט שטאַרק דערשלאָגן.

איינמאָל איז דער ברודער געקומען אַהיים אין זייער אַ גע־הויבענער שטימונג.

— ווייסט, בען? — האָט ער געזאָגט — איך וויל אַרויסגעבן אַ צייטונג!

בען האָט פאַרווונדערט אָנגעקוקט דעם ברודער.

— צי האָט ער ניט געמאַכט אַן איבעריקע כּיסא? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

כּדי צו פאַרשטיין בענס פאַרווונדערונג, דאַרף מען געדענ־קען, אַז אין יענער צייט אַרויסגעבן אַ צייטונג איז געווען פון די שווערסטע זאַכן. אין גאַנץ ניי־ענגלאַנד (קינפּטיקע פאַרייניקטע שטאַטן) זיינען אין יאָר 1721, ווען דזשעמס האָט פאַרטראַכט זיין פּלאַן — געווען נאָר 3 צייטונגען: 2 אין באָסטאָן און 1 אין פילאַדעלפיע.

איצט דערשיינען אין באָסטאָן ביי 20 טעגלעכע צייטונגען און איבער 200 פאַרשיידענע זשורנאַלן.

אין יענער צייט אָבער זיינען די צוויי קליינינקע בלעטלעך אויך געווען צו פיל און האָבן געמאַכט שלעכטע געשעפטן.

פיל באַקאַנטע האָבן דעריבער טאַקע געפּרוווט אָפּהאַלטן דזשעמסן פון זיין משוגענעם פּלאַן.

דזשעמס איז אָבער געווען אַן עקשן.

— פאַרשטייסטו מיך — האָט ער אַריינגעטענהט מיטן ברודער — ווען־ווען, נאָר אונדז לוינט דער עסק. צאָלן וועט מען דאַרפן נאָר פאַר פּאַפּיר. זעצן וועלן מירביידע, רעדאַקטירן און קאָרעגירן וועל איך, פונאַנדערטראָגן וועסטו...

— און ווער וועט שרייבן? — האָט בען געפרעגט.

— מיטאַרבעטער האָב איך גענוג!

און דזשעמס האָט דערציילט:

— עטלעכע באַקאַנטע האָבן מיר צוגעזאָגט צו שרייבן אינגאַנצן אומזיסט. מאָרגן קומען זיי זיך אַהער צונויף. אַלע — וויכ־טיקע לעבעדיקע יונגע לייט. וועסט איינמאָל זיך צוהערן צו זייערע רייד, וועסטו אויך ווערן אַ גרויסער אָנהענגער פון דער צייטונג.

און דעמזועלביקן אָוונט טאַקע איז אין די שטילע צימערן פון דער דרוקעריי פאָרגעקומען אַ טומלדיקע זיצונג פון די מיטאַרבעטער.

דאָס זיינען געווען פריילעכע היציקע יונגע לייט. די טרוקענע אומעטיקע באַסטאָנער צייטונגען האָבן זיי ניט באַפרידיקט.

זיי האָבן דעריבער געוואָלט שאַפן אַ לעבעדיקע אינטערעסאַנטע צייטונג, וואָס זאָל אויפרודערן די שטאָט: אייניקע אַריינברענגען אין צאָרן, אַנדערע — פאַרוויילן און דערהויפּט — אַלעמען שטענדיק דערציילן דעם אמתן אמת.

שטייענדיק ביים קאַסטן שריפט, האָט זיך בען צוגעהערט צו די רייד פון די מיטאַרבעטער און האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער זאַך. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער לעבעדיקייט און קלוגשאַפט פון די מיטאַרבעטער.

די זאַך איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט גרויס חשק, געזוצט אָפטמאָל עקסטרע אַרטיקלען ביז שפּעט אין דער נאַכט, אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און פּינקטלעך פונאַנדערגעטראָגן די צייטונג צו די אַבאָנענטן.

צוהערנדיק זיך צו די שמועסן פון די מיטאַרבעטער און לייענער, האָט בען אויך געקראָגן חשק אָנצושרייבן עפּעס־וואָס אין דער צייטונג.

ער האָט קיינעם קיין מעשה ניט דערציילט און, בלייבנדיק די אָוונטן אַליין אין שטוב, גענומען שרייבן אַן אַרטיקל.

דערביי האָט ער געדענקט די שטרענגע באַמערקונגען פון פאָטער און זיך געמיט אויסצומיידן די פעלערן; עטלעכע מאָל געמעקט, איבערגעמעקט און איבערגעשריבן.

ענדלעך איז דער אַרטיקל פאַרטיק געוואָרן. בען האָט אים איבערגעשריבן מיט אַ געענדערטער האַנטשריפט און ביינאַכט בשתיקה אַריינגעוואָרפן אין קעסטל פון דער רעדאַקציע.

אינדערפרי האָט דזשעמס געפונען דעם אַרטיקל און גאָרנישט ניט געזאָגט. בען האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געדעגט: וואָס וועט דאָס זיין מיט זיין אַרטיקל?

אינאָוונט האָט זיך צונויפגעזאַמלט די רעדאַקציע. בענען

האָט זיך געוואָלט הערן זייער מיינונג וועגן זיין ווערק, אָבער ווי־
אויף צו להכעיס איז פונקט צו דער צייט אַריינגעקומען אין דרו־
קערייַ אַ קונד און בען האָט זיך געדאַרפט פאַרדרייען מיט אים אַ
היפּשע צייט. בען האָט מיט אים גערעדט, אָבער זיין נשמה איז גע־
ווען אין צימער פון דער רעדאַקציע.

קוים אַרויסגעפּטרט דעם קונד, האָט זיך בען געשטעלט
אַרבעטן נעענטער צו דער טיר, כדי צו הערן די מיינונגען וועגן
זיין אַרטיקל.

דער אַרטיקל איז געפעלן געוואָרן און יעדער האָט געפּרוווט
טרעפן, ווער עס קען זיין דער מחבר. קיין פאַמיליע איז ניט גע־
ווען אונטערגעשריבן, נאָר אַ פּסעוודאָנים—שווייגער.

— מאָדנע!—האָט דזשעמס געזאָגט—איך גיב אפילו ניט
קיין אַנאָנימע אַרטיקלען, נאָר דער איז אַזוי גוט, אַז מע קען פאַר
אים מאַכן אַן אויסנאַם.

בען האָט זיך צוגעהערט און דאָס האַרץ איז אים צעשפּרונ־
גען געוואָרן פאַר פרייד.

אויף מאָרגן האָט אים דער ברודער געגעבן אויסזעצן דעם
דאָזיקן אַרטיקל. מע קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי פלייסיק
בען האָט די אַרבעט אויסגעפירט.

דער נומער איז אַרויס פון דרוק און פילע האָבן זיך גענו־
מען נאָכפרעגן אויפן נייעם מיטאַרבעטער.

— ווער איז ער דאָס? ער שרייבט אַזוי לעבעדיק!

דער דערפאָלג האָט בענען צוגעגעבן מוט און ער האָט באַ־
שלאָסן אָנצושרייבן אַ צווייטן אַרטיקל און ווידער בשתיקה, דער
ברודער זאָל ניט וויסן, ווער דער מחבר איז.

אין אַ טאָג אַרום האָט דזשעמס ווידער געפונען אין קעסטל
אַן אַרטיקל פון דעם אומבאַקאַנטן מחבר.

— דער שווייגער איז ווידער דאָ!—האָט דזשעמס געזאָגט
צו בענען, באַטראַכטנדיק דעם אַרטיקל—הער נאָר, איך וועל דיר
אים פאָרלייענען.

און דזשעמס האָט פאָרגעלייענט פאַר בענען בען׳ס אַרטיקל.

בען איז קוים איינגעשטאַנען. ער האָט שיר ניט אַרויסגע־
פּלאַצט דעם סוד.

— איסגעצייכנט !—האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג דזשעמס.

די רעדאַקציע האָט אויך איינגעשטימט מיט אים און אויף מאָרגן איז דער אַרטיקל אָפּגעדרוקט געוואָרן.

נאָכדעם האָט זיך אין דער צייטונג באַוויזן אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען פון דעמזעלבן סודותפולן מחבר.

יעדערער האָט געפּרוווט טרעפן, ווער דאָס קען זיין, און בען האָט ניט אָן פרייד געהערט, ווי מע האָט געזאָגט, אַז זיינע אַרטיקלען געהערן צו די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין שטאָט.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים.

ענדלעך האָט דאָס יינגל באַשלאָסן, אַז ס'איז נאַריש וויי־טער צו באַהאַלטן זיך. עס האָט קיין זין ניט צו שפּילן די ראָל פון אַ לערניינגל, אין דער צייט, ווען ער קען אָנטייל נעמען אין די רייד פון די ליטעראַטן.

איינמאָל, ווען דזשעמס איז באַזונדערס אַנטציקט געוואָרן פון שוויגערס אַן אַרטיקל און ס'האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס ער קען ניט דעם מחבר, רופט זיך בען אָפּ צו אים, שטאַרק פאַרויטלט און אויפגערעגט:

— איך ווייס, ווער דאָס שרייבט.

— דו ווייסט ? !—איז דער ברודער אָנגעפאַלן אויף אים— ווייסט און שווייגסט, ווען מיר אַלע ברעכן זיך דעם קאָפּ און קענען ניט טרעפן!...

— דער מחבר האָט געוואָלט בלייבן אומבאַקאַנט !

— נאַרישקייטן ! אַז דו ווייסט, מעגסטו מיר דערציילן. ווער איז דאָס ?

— דאָס איז... דאָס א'ז... בען פרענקלין...—האָט דאָס יינגל קוים אַרויסגערעדט.

דזשעמס האָט אַ פּאָר מינוט שווייגנדיק געקוקט אויפן ברו־דער מיט ברייט געעפנטע אויגן.

ער האָט זיך דאָס אָבער בשום אופן ניט געקאָנט פאָר־שטעלן.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן. מע וועט דיר ניט גלויבן !

— איך קען דאָס דערווייזן.

און ער האָט געוויזן די ערשטע קאַפּיעס.

— וואָס האָסטו דאָס געטאָן? פאַרוואָס האָסטו זיך באַהאַלטן?—האָט זיך דער ברודער געגומען בייזערן.

— איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט די אַרטיקלען ניט דרוקן, ווען דו וועסט וויסן,אַז זיי זיינען מיינע—האָט זיך בען פאַרענטפערט:

— ניט געדאַרפט מיך אָפּנאַרן—איז דזשעמס געבליבן אומצופרידן.

אים האָט בכלל פאַרדראָסן די מעשה: ווי אַזוי זאָל דאָס פּאַסירן, אַז זיינער אַ לערנייינגל זאָל מיטאַמאָל ווערן אַ מחבר, וואָס אַלע אָנערקענען!

די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע זיינען געווען פאַרוווּנדערט ניט ווייניקער פאַר דזשעמסן.

— אָט דאָס יינגל, וואָס שטייט אַזוי רויִק ביים קאַסטן אַ שווייגעדיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ—אָט ער איז דאָס אַ שרייבער און אַזאַ טאַלענטפולער!

זייערע באַציִונגען צו אים האָבן זיך אינגאַנצן געענדערט.

מע האָט גענומען קוקן אויף אים, ווי אויף אַ גלייכן, אָפט אַריינרופן אים אין רעדאַקציע, זיך אַן עצה האַלטן מיט אים וועגן פאַרשיידענע פראַגן, צוגעגעבן אים וואָס ווייטער אַלץ מערער חשק צום שרייבן.

VII.

דער דערפאָלג פון דער צייטונג. — פריינד און פיינד. — דזשעמס אין תּפיסה. — דער 17־יאָריקער רעדאַקטאָר.

וואָס פון נומער האָט די נייע צייטונג באַקומען אַלץ מערער לייענער און אָנהענגער; גלייכצייטיק אָבער אויך פיל שונאים.

די יונגע מיטאַרבעטער האָבן אָן רחמנות אויסגעלאַכט אַלע חסרונות און שלעכטע זײַטן פון פאַרשיידענע פערזאָנען. אַלע־מען פלעגן זיי איינטיילן אַ חלק: די גבירים, וואָס האָבן אויף אַ ניט כשרן אופן זיך אָנגעלעבט גרויסע קאַפּיטאַלן, די באַאַמטע, וואָס האָבן שלעכט אויסגעפירט זייער אַרבעט, די גלחים — צבועיאַקעס, וואָס האָבן געפּריידיקט איינס און געטאָן אַנדערש א. א. וו. א. א. וו.

די קאָלאָניע מאַסאַטשוזעטס מיט דער שטאָט באָסטאָן האָט געהערט צו ענגלאַנד. ווי מיט אַלע איבעריקע ענגלישע קאָלאָ־ניעס, פלעגט אויף מיט איר אָנפירן 1) אַן ענגלישער גובערנאַטאָר, וואָס פלעגט באַשטימט ווערן פון דער ענגלישער רעגירונג, 2) אַ ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון די רייכסטע און בכבודיקסטע בירגער און 3) אַ דעפּוטאַטן־פאַרזאַמלונג, וואָס אַלע קאָלאָניסטן פלעגן אויסוויילן.

פון אָנהייב אָן, זינט די קאָלאָניעס האָבן זיך געגרינדעט, זײַנען צווישן די קאָלאָניסטן און דער ענגלישער מלוכה פאָרגע־קומען רייבונגען. עס האָט זיך געפירט אַ פאַרבאָרגענער קאַמף.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך געמיט צו פאַרשטאַרקן די מאַכט פון גובערנאַטאָר און פון אַנדערע באַשטימטע באַאַמטע. זי האָט געשטרעבט אונטערצוװאַרפן די קאָלאָניעס אַלע ענגלישע געזעצן.

די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין ווייטע פרעמדע לענדער, כדי צו געניסן פון פאַרשיידענע פרייהייטן, האָבן מוטיק געקעמפט פאַר דידאָזיקע פרייהייטן. יעדער גוואַלדטאַט פון די באַאַמטע האָט זיי אויפגערעגט.

דזשעמס׳ צייטונג האָט מוטיק פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן און דעריבער גיך געוווּנען די סימפּאַטיע פון דער געזעלשאַפט.

די מאַכט האָט אָבער געקוקט קרום אויף דער צייטונג און געגומען זוכן אָן אויסרייד, כדי די צייטונג צו פאַרמאַכן.
באַלד האָט זי דעם אויסרייד געפונען.

קירצלעך האָט זיך אין דער צייטונג באַוויזן אַ נאָטיץ, אין

וועלכער מע האָט אָפּגעלאַכט פון דער מאַכט.פאַרוואָס זי גיט ניט אַכטונג אויף די ים-רויבער.

די מושלים זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער נאָטיץ. אויף מאָרגן זיינען די ביידע ברידער איינגעלאַדן געוואָרן אין געריכט, זיי זאָלן געבן דערקלערונגען.

אַזוי ווי בען איז געווען אַ שילער, האָט מען אים באַפרייט, דזשעמסן אָבער האָט מען אַריינגעזעצט אין תּפיסה.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די צייטונג זאָל פאַרמאַכט ווערן.

— ווער וועט דאָס איצט אָן באַלעבאָס אָנפירן מיט אַזאַ אונטערנעמונג?—האָבן גערעדט צווישן זיך די מיטאַרבעטער.

ביי עטלעכע איז געפאַלן דער מוט.

בען האָט אָבער אַלעמען אויפגעמונטערט און דערמוטיקט מיט זיין האַלטונג.

— איך נעם זיך אָן אָנצופירן!—האָט ער מוטיק אויסגערופן—ברענגט נאָר אַרטיקלען, וועט איר זען, ווי איך וועל די צייטונג אַרויסגעבן!

— בראַוואָ! בראַוואָ!—האָבן אויסגערופן די מיטאַרבעטער און פאַרגעזעצט די אַרבעט.

בען האָט זיך גענומען צו דער זאַך מיט דער גאַנצער ענערגיע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און די נומערן פלעגן אַרויסקומען ניט ערגער, ווי פון ברודערס האַנט.

להכעיס די שונאים איז די צייטונג געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ בעסער. די צאָל אָנהענגער איז געוואַקסן. דער טיראַזש האָט זיך פאַרגרעסערט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דזשעמס באַפרייט געוואָרן און האָט ווידער איבערגענומען די אַרבעט.

די אָנפאַלן אויף דער מאַכט האָבן זיך פאַרשטאַרקט.

די מאַכט האָט אַ געוויסע צייט ניט געוואַגט אָנצונעמען קיין שאַרפע מיטלען.

ענדלעך האָט ביים גובערנאַטאָר געפּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט צוגעשיקט צו דזשעמסן אַ פּאַפּיר, אַז ער דערלויבט אים

אַרויסצוגעבן די צייטונג נאָר מיט דעם תּנאי, אַז יעדער נומער זאָל דורך דער מאַכט צענזורירט ווערן, איידער ער וועט דערשיינען.

פאַר דער צענזור האָבן אַלע מורא געהאַט, ווייל אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די צייטונג וועט דאַן פאַרלירן דעם גאַנצן טעם.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מע מוז באַשטימען אַן אַנדער רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער.

— אָבער וועמען?

— פאַרוואָס זאָל ניט זיין בען? — האָט זיך עמיצער אָפּגערופן.

— ער איז דאָך אָבער אַ לערנייִנגל און האָט קיין רעכט ניט!

קען מען אים מאַכן זעלבשטענדיק, צוריקגעבן אים זיינע פאַרפליכטונגען.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן אַלע מיטאַרבעטער באַגריסט בענען:

— איר זייט רעדאַקטאָר!

בען איז געוועזן אויסער זיך פאַר פרייד. פּלוצלונג אַזאַ דאָפּעלער גליק: אי פריי געוואָרן, אי רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער!

אין דעם נאָענטסטן נומער האָט דזשעמס געמאָלדן, אַז זיין צייטונג ווערט צוליב דער פאָדערונג פון דער צענזור פאַרמאַכט, און אין אַ וואָך אַרום איז שוין אַרויס אַ נייע צייטונג מיט דער אונטערשריפט פון בענדזשעמין פרענקלין.

VIII.

פרענקלין אַנטלויפט פון דער היימישער שטאָט. — דער פישפאַנג אויפן שיף. — פרענקלין ווערט אויס וועגעטאַריאַנער.

נאָכדעם ווי בען איז געוואָרן אָפיציעלער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, האָט דזשעמס אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט

גרויס קנאה. דזשעמס האָט געזען, אַז בען איז פייקער פאַר אים און האָט אים דעריבער געגומען רודפן. וואָס בען האָט געטאָן, פלעגט אים אַלץ ניט געפעלן ווערן.

וואָס ווייטער האָט ער אַלץ מער אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן זיין אויבערהאַנט.

בען האָט אַלץ געליטן. אינגיכן אָבער האָט ביי אים געפּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם ברודער און אַנטלויפן פון באָסטאָן. די סיבה דערפון איז געווען וואָס דזשעמס האָט זיך דערלויבט צו הייבן אויף אים אַ האַנט.

בען האָט געהאַט אַ חבר דזשאָן.

איינמאָל טרעפנדיק זיך מיטן חבר, האָט אים בען פאַרטרויט, אַז ער קען שוין מער ביים ברודער ניט זיין, אַז ער וויל אַנטלויפן.

— וואָס? ווידער זיך צעקריגט? — האָט דער חבר געפרעגט.

— ערגער—האָט בען געענטפערט—זיך צעהרגעט... ער האָט געהייבן אַ האַנט, האָב איך ניט געשוויגן.

— פיינע ברידער! —האָט געלאַכט דער חבר.

— ברידער נאָר לויטן נאָמען —האָט בען דערציילט— אינדערעמתן האָט ער ניט אויפגעהערט צו האַלטן מיך פאַר אַ יונג, אַ משרת און זיך—פאַר אַ מייסטער, אַ באַלעבאָס...

— וואָלסט איבערגערעדט מיטן פאָטער.

— ס'וועט ניט העלפן. דער פאָטער האַלט לעצטנס מיט אים. ער קוקט אויף דער זאַך ווי ס'קוקט דער כּלל: אַז אַ באַלעבאָס מעג זיין יינגל באַשטראָפן.

— ווי אַזוי אָבער וועסטו אַנטלויפן? מע וועט דיר דאָך ניט דערלויבן. ביסט דאָך פאַרבונדן.

— איך בין דאָך שוין פריי פון קאָנטראַקט.

און בען האָט דערציילט דעם חבר, ווי אַזוי דער ברודער האָט פאַרניכטעט דעם קאָנטראַקט.

דזשאָן האָט געפרוווט אָפּריידן דעם חבר פון זיין באַשלוס.

פאַרגעשטעלט אים, ווי שווער עס איז איינצואָרדנען זיך אין דער פרעמד.

בען האָט אָבער די זאַך פעסט באַשלאָסן.

— איך ווייס אַלץ זייער גוט — האָט זיך בען ניט געלאָזט איבעררײדן — איך האָב אַלץ באַטראַכט און פאַרלאַנג איצט פון דיר ניט קיין עצה, נאָר הילף. דו האָסט דאָך פיל באַקאַנטע צווישן די שיפסלייט, טאָ זע, מע זאָל מיך אַריבער פירן קיין ניו-יאָרק. קיינער טאָר אָבער דערפון ניט וויסן, הערסט?

דזשאָנען איז געפעלן געוואָרן בענס פעסטער טאָן און ער איז גרייט געווען אים צו העלפן.

— און געלט האָסטו? — האָט דזשאָן געפרעגט.

— ווייניק...

— איז ניט גוט. אָן געלט וועסטו ניט אַוועקפאָרן. מוזט זען צו פאַרקויפן דיינע ביכער און אַ פּאָר וועש. אין ניו-יאָרק וועסטו קויפן אַנדערע.

בען האָט מסכים געווען.

— צי וועט מען אָבער איינשטימען צו נעמען מיך אויף אַ שיף, ניט פרעגנדיק, ווער איך בין און וווהין איך פאָר — האָט זיך בען אינטערעסירט.

— דאָס וועל איך שוין באַזאָרגן. איבערמאָרגן פאָרט אָפּ אַ באַקאַנטער קאַפּיטאַן, וועל איך מיט אים דורכמאַכן.

— געדענק אָבער, קיינעם קיין וואָרט ניט!

— זיי רויִק.

די פריינד האָבן זיך געזעגנט און אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מאָרגן אויפן זעלבן אָרט.

שווער איז געווען בענען זיך צו זעגענען מיט די באַליבטע ביכער. יעדעס בוך איז געווען פאַרבונדן מיט אָנגענעמע זכרונות. שווער איז אויך געווען צו וואַרפן די חברים פון דער צייטונג, מיט וועמען ער האָט זיך אַזוי גוט צונויפגעלעבט, אָבער נאָך שווערער ווי אַלץ איז אים געווען צו פאַרלאָזן די היים בשתיקה, אָן אַ „זיי געזונט".

ער האָט אָבער געפילט, אַז אַנדערש האַנדלען קען ער ניט.

ווייטער לעבן אַזוי ווי ביז איצט איז אוממיגלעך.

אויף מאָרגן צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיך די חברים ווידער געטראָפן.

— נו! — האָט אים דזשאָן באַגעגנט מיט אַ שמחה — אַלץ איז איינגעאָרדנט. מאָרגן 10 פרי גייט אָפּ די שיף. דער קאַפּיטאַן נעמט דיך מיט און וועט דיך פּאַרהיטן פון אַלע דיינע שונאים.

— וואָס הייסט?

— כ'האָב צוגעטראַכט וועגן דיר אַ גאַנצן ראָמאַן, אַזוי ווי עס ווערט באַשריבן אין די ביכער. נעמלעך — איך האָב דערציילט דעם קאַפּיטאַן, אַז דו ווילסט ניט חתונה האָבן און דו אַנטלויפסט פון אַ כלה קיין ניו-יאָרק.

— ווי קומט דאָס דיר אויפן זינען אַזאַ נאַרישע מעשה?

— שוין גאָרניט קיין נאַרישע. דער קאַפּיטאַן איז אַן אַלטער בחור און האַלט, אַז קיינער טאָר ניט חתונה האָבן. אָט פאַר וואָס ער איז גרייט דיר מיטצוהעלפן אין דיין פּלאַן.

— וואָס וועל איך אָבער טאָן, אַז ער וועט מיך נעמען פונאַנדערפרעגן וועגן מיין כלה?

— ער וועט דאָס ניט טאָן: איך האָב אים געזאָגט, אַז דו האַלסט די געשיכטע פאַר אַ סוד און ווילסט, אַז קיינער זאָל דערפון ניט וויסן.

ביידע חברים האָבן גוטמוטיק געלאַכט פון דער געשיכטע.

— אַלזאָ, מאָרגן 10 פרי צום האַפן! — האָט דזשאָן דערמאָנט בענען ביים געזעגענען זיך — אַזוי האָט פאַרזאָגט דער קאַפּיטאַן.

אויף מאָרגן איז בען געקומען אויפן שיף נאָך פאַר צען. דער חבר האָט אים באַקאַנט מיטן קאַפּיטאַן.

— אָט דאָס איז דאָס אייער פריינד? — האָט זיך דער קאַפּיטאַן געוווּנדערט — אַזאַ יונגינקער.

— נו, זיי געזונט! — האָט דזשאָן געדריקט דעם חברס האַנט — שרייב אָן, ווי נאָר דו וועסט זיך איינאָרדנען.

— גוט. און דו, דזשאָן, פאַרגעס ניט גלייך אָנצושרייבן

וועגן דעם, וואָס מע וועט ריידן נאָך מיין אַוועקפאָרן. גערענק אָבער—קיינעם קיין וואָרט ניט!

די חברים האָבן זיך צום לעצטן מאָל שטייף אַרומגענומען.

אַ פייף. מע האָט אויפגעהויבן דעם אַנקער און די שיף איז אויף אַלע זעגלען אַוועק אין ים אַריין.

בען איז געשטאַנען אויפן אויבערדעק און מיט אומעט געקוקט אויפן פאַרשווינדנדיקן היימישן ברעג, אויפן ברייטן וואַסער־פלאַך, וואָס עפנט זיך פאַר אים אין דער ווייט.

— וואָס טוט ער? צי וועט ער שפּעטער ניט חרטה האָבן אויף זיינע מעשים?...

פאַר זיינע אויגן זיינען אַרויסגעשוווּמען פאַרשיידענע בילדער און געשטאַלטן: דאָס דערשראָקן פּנים פון דער מוטער, די טרערן פון די שוועסטער, דער ציטער און בייזער פונם פאָטער, די פאַרוווּנדערטע פּנימער פון די מיטאַרבעטער...

און ווידער איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: — אפשר האָט ער דאָס ניט געטאָרט טאָן?

דער געדאַנק געווערט נאָר עטלעכע סעקונדעס.

גלייך קומען אָן אַנדערע:

— ניין, ער איז ניט קיין קנעכט. אַ פרייער בירגער, אַ פרייער אַמעריקאַנער!... אמת, שווער און עלנט וועט ער זיך פילן אין אַ פרעמדער שטאָט צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן. נאָר פאַרפאַלן. צוריק וועט ער שוין ניט גיין. ער וועט זיך ווי־עס־איז צו וואָס־עס־איז דערשלאָגן. אַהיים וועט ער קומען שוין אַ דערוואַקסענער, אַ פולקומער מענטש, וואָס וועט ניט דערלויבן,מע זאָל אים באַליידיקן.

אין אָוונט האָט זיך געלייגט דער ווינט און ס'איז געוואָרן אַ שטילער וועטער. מע האָט אַראָפּגעלאָזט די זעגלען און די שיף איז געבליבן שטיין.

די מאַטראָסן האָבן זיך באַנוצט מיט דער פרייער צייט און גענומען פאַנגען פיש.

די געפאַנגענע פיש האָבן זיי געוואָרפן אויפן דעק און דאָרט האָט מען די פיש דערהרגעט.

— ווי מערדעריש! ווי עקלדיק דאָס איז! — האָט בען אויסגעשריען, צוקוקנדיק דאָס בילד.

— וואָס איז מערדעריש? — האָט געפרעגט אַ מאַטראָס.

— מאַטערן און הרגענען אומגליקלעכע בעלי חיים, וואָס האָבן קיינעם קיין בייז ניט געטאָן — האָט בען געענטפערט.

— דאָס זיינען דאָך פיש! — האָט דערקלערט דער מאַט־ראָס. מע דאַרף זיי דאָך אויף אָוונטברויט. מע קען דאָך קיין לעבעדיקע פיש ניט עסן.

— וואָס עפּעס עסן? — האָט בען פּראָטעסטירט — פיש זיינען באַשאַפן צו לעבן אין וואַסער. זאָלן זיי זיך דאָרטן לעבן!

— אַ מאָדנער מענטש — האָט זיך דער קאַפּיטאַן געוווּנדערט, הערנדיק בענס טענות — צי דען עסט איר קיין פיש ניט?

— ניין! ניט קיין פיש, ניט קיין פלייש! אַ מענטש טאָר ניט צוליב זיינע באַדערפעניש צונעמען דאָס לעבן ביי אַנדערע בעלי חיים. ער דאַרף זיך שפּייזן מיט גרינוואַרג.

— אַ צער־בעלי־חיימניק! — האָבן די מאַטראָסן שמייכלענ־דיק באַמערקט.

זיי האָבן אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט.

— אַז מיר וועלן זיי ניט עסן, וועלן זיי איינע די אַנדערע איינשלינגען — האָט באַמערקט דער קוכער. און געוויזן בענען אַן איינגעשלונגענעם פישל אין די אינגעווייטן פון אַ גרעסערן פיש.

בען האָט אויף דעם ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

דערווייל האָט מען די פיש אויסגעפּרעגלט און אַלע האָבן געהאַט אַ גוטן אָוונט־ברויט.

דער געשמאַקער ריח האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנ־צער שיף.

בען האָט פון אינדערפרי אָן גאָרניט ניט געגעסן. דער ריח האָט אים געררייצט. די מאַטראָסן האָבן אים אפילו איינגעלאַדן מיטצושפּייזן. בען האָט זיך פון אָנהייב אַנטזאָגט, באַלד אָבער האָט אים דער הונגער געצוווּנגען צו פאַרזוכן פון זייערע געריכטן.

דער ערשטער ביסן מאַכט אַ לאָך און דער צווייטער בעט נאָך.

פרענקלין האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון און צוזאַט זיך אָנגעגעסן מיט פיש.

נאָך דעם פאַל איז פרענקלין געוואָרן אויס וועגעטאַריאַנער.

אויף להבא פלעגט ער אפילו ווייטער אויך אויסמיידן צו עסן פלייש און פיש, נאָר אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע פלעגט ער קיין שפייז ניט איבערקלייבן.

די רייזע פון באָסטאָן קיין ניו־יאָרק האָט געדויערט דריי מעת לעת. אויפן פערטן טאָג אינדערפרי איז בען אָנגעקומען אין דעם ניו־יאָרקער האַפן.

בען האָט זיך פריינדלעך געזעגנט מיט די חברים פון דער שיף און איז אַרויס אויפן ברעג.

קיין געלט אין טאַש, קיין באַקאַנטע אין שטאָט האָט ער ניט געהאַט. נאָר ער איז געווען יונג און געזונט, האָט גוט געקענט זיין פאַך, און ער האָט פעסט באַשלאָסן מוטיק דורכצושלאָגן זיך אין לעבן און געפינען זיך מיטלען פאַר אַ זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ.

IX.

אין ניו־יאָרק. — די נייע רייזע. — דער שטורעם אויפן וואַסער. — די שרעקלעכע נאַכט. — איבער די דאָרפישע גאַסטהייזער. — ביי דער הענדלערקע. — אויפן שיפל קיין פילאַדעלפיע.

פרענקלין איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, נייגעריק באַטראַכט די אומבאַקאַנטע שטאָט.

ביז איצט איז ער אין ערגעץ אויסער באָסטאָן ניט געווען, און דעריבער האָט ניו־יאָרק געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם.

ניו־יאָרק איז נאָך אין יענער צייט געווען אַ קליין שטעטל, אָבער דאָך גרעסער פאַר באָסטאָן.

באַטראַכטנדיק די גאַסן, האָט פרענקלין אויף איין מינוט נים אַרויסגעלאָזט פון זינען דעם ציל פון זיין אַרומגיין — זוכן אַרבעט. ער האָט געזוכט אַ דרוקעריי.

ער האָט זיך עטלעכע מאָל געווענדעט מיט פראַגעס צו די דורכגייער. מע האָט זיך אָבער באַצויגן צו אים ניט פריינדלעך.

ענדלעך, נאָך פיל מי, האָט זיך אים איינגעגעבן צו דער־גיין ביי אַ יונגנמאַן, אַז אויף אַ זייטיקער געסל געפינט זיך די דרוקעריי פון אַ געוויסן מיטער בראַטפאָרד.

פרענקלין איז אַריינגעקומען אין דער דרוקעריי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַלעבאָס, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געקומען קיין ניו־יאָרק פון פילאַדעלפיע. ביי אים איז קיין אַרבעט ניט געווען, נאָר ער האָט פאָרגעלייגט פרענק־לינען אַריבערצופאָרן קיין פילאַדעלפיע. דאָרטן זוכט איצט זיינער אַ זון אַן אַרבעטער.

— ווי ווייט איז פון דאַנען קיין פילאַדעלפיע? — האָט זיך פרענקלין נאָכגעפרעגט.

— אַ דריטל וועג, ווי פון דאַנען קיין באָסטאָן.

פרענקלין איז אומעטיק געוואָרן.

דער אַלטער האָט אים אָבער געטרייסט:

— זאָרגט ניט, יונגערמאַן, צוליב אַ גוטער שטעלע לוינט צו פאָרן.

דער צאַרטער טאָן פון דעם פריינדלעכן זקן האָט פרענק־לינען דערמוטיקט. ער האָט אויף גיך צוגעביסן עפעס אין אַ טראַקטירל און איז דעמזעלבן טאָג אָפּגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע.

די צווייטע רייזע איז געווען ניט אַזאַ גליקלעכע, ווי די ערשטע.

נאָך אַ 2 שעה רייזע האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם. די זעגלען זיינען צעריסן געוואָרן און דער ווינט האָט גענומען טרייבן דאָס שיפל אויף גאָטס באַראָט.

פלוצלונג האָט זיך אַ פּאַסאַזשיר, אַ שיכּורער דייטש, אַ קער געטאָן איבערן ראַנד פון שיפל און—באַץ אין וואַסער אַריין.

— כאַפּט אים!—האָט אויסגעשריען דער רודערער!

פרענקלין האָט זיך איבערגעבויגן איבערן וואַסער, אָפּגעוואַרט עטלעכע סעקונדעס און ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן דעם דייטשס קאָפּ, האָט ער אים מיט אַ פלינקער באַוועגונג אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און אַריינגעשלעפּט צוריק אין שיפל אַריין.

— אַ העלד!—האָבן די מאַטראָסן געלויבט פרענקלינען—ער וועט אייך געוויס אָפּדאַנקען, ווען ער וועט זיך אויסניכטערן.

— ניט אַזוי גיך וועט ער זיך אויסניכטערן. איר זעט דאָך, אַז אַפילו די קאַלטע וואַנע האָט אויף אים ניט געווירקט. מאָדנע, ווי קענען זיך דאָס מענטשן אַזוי אָנטרינקען!

—און איר טרינקט גאָר ניט?—האָט געפרעגט אַ מאַטראָס.

— קיינמאָל ניט!—האָט פרענקלין שטאָלץ געענטפערט און גענומען רייבן ביים דערטרונקענעם די שלייפן און ברענגען אים צו זיך.

דער דערטרונקענער האָט באַלד געעפנט די אויגן, עפּעס אַ מורמל געטאָן און איינגעשלאָפן.

דאָס שיפל האָט זיך געפונען ניט ווייט פון ברעג, צופאָרן נאָנט האָט מען אָבער ניט געקאָנט. אויפן ברעג זיינען געשטאַנען מענטשן. די שיפסלייט האָבן צו זיי געשריען, געבעטן הילף. צוליבן ווינט האָט מען אָבער ניט געקאָנט הערן, וואָס יענע האָבן געענטפערט.

זיי האָבן, ווייזט אויס, אויך מורא געהאַט פאַרן ווינט און אינגיכן גאָר פאַרלאָזט דעם ברעג.

דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט. ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצע נאַכט. פאָרן ווייטער האָט מען ניט געקאָנט.

מע האָט געמוזט פאַראַנקערן די שיף אין וואַסער און איבערוואַרטן די נאַכט און דעם שטורעם. פלוצלונג האָט א גאָס געטאָן אַ שלאַקס רעגן. די מידע מאַטראָסן זיינען אַראָפּ אונטן און זיך געלייגט שלאָפן.

פרענקלין האָט אָבער מיט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן. דאָס שיפל האָט זיך שטאַרק געטרייסלט אויף דער קייט.

יעדע מינוט האָט זיך גערדאַכט, אַז דער ווינט גיט עס אַ ריס פון אָרט און פאַרטראָגט עס ווייט, ווייט.

פרענקלין איז געלעגן אין אַ ביידל, נאָר דאָס וואַסער איז אַריינגעדרונגען אויך אַהין דורך די לעכער און אַלץ פאַרנעצט.

פרענקלין האָט אַ פּאָר מאָל געביטן די ערטער, אין ערגעץ האָט ער אָבער קיין תקומה ניט געקאָנט געפינען.

כּדי צו מאַכן זיך פאַרגעסן וועגן דער געפאַר, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן באָסטאָן; וועגן די נאָענטע, וואָס ער האָט פאַרלאָזן. אין מוח האָט געקלעבערט די פראַגע: אַוועקגעוואָרפן אַ היים, גוטע פריינד, אַרבעט — צוליב וואָס?... ווער ווייס? אפשר וועט נאָך דער נייער באַלעבאָס זיין ערגער פאַרן אַלטן? און צי וועט ער בכלל קריגן אַרבעט? און אַמאָל, על תּפתּח פּה לשטן, קען מען נאָך גאָר אומקומען דאָ, אין דעם שלעכטן שיפל, ווו ס'איז אַזוי קאַלט און נאַס...

די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג...

נאָר אָט האָבן אַריינגעשיינט דורך די שפּאַלטן די ערשטע שפּראָצן ליכט. פרענקלין איז אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און איז אַרויף אויבן. דער ווינט איז שטילער געוואָרן. הגם דער הימל איז נאָך געווען באַלייגט מיט וואָלקנס, האָט מען דאָך ביים טאָגליכט זיך געקאָנט רירן פון אָרט. דער קאַפּיטאַן האָט אויפגעוועקט די מאַטראָסן און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אויפן שלימזל האָט געבלאָזן אַ קעגן־ווינט און דער וועג ביז דעם נאָענטסטן גרעסערן פונקט האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

אַזוי, מע האָט ניט אויסגערעכנט, אַז די רייזע זאָל געווערן אַזוי לאַנג, האָט מען ניט צוגעגרייט גענוג שפּייז. די מאַטראָסן האָבן גענומען ערנסט פאָדערן, מע זאָל זיי געבן עסן און טרינקען. פרענקלין האָט עסן ניט געוואָלט, נאָר אַ פּאָר אַ ביסל פרישע וואַסער וואָלט ער אָפּגעגעבן דערוויייסט וואָס. ביינאַכט האָט ער זיך פאַרקילט און ס'האָט אים געוואָרפן ווי אין קדחת.

צאַמבאַי איז געווען אַ קליין שטעטל ביים ים.

אראָפּשטייגנדיק פון שיפל, איז פרענקלין אַוועק אין אַ טראַקטיר און געלייגט זיך דאָרט שלאָפן. די נאַכט האָט ער אָפּגעשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען שפּעט. דורכן פענסטער האָט ער דערזען, אַז דער הימל איז נאָך אַלץ באַדעקט מיט וואָלקנס און ס׳גיסט אַ רעגן. ס׳איז אים געוואָרן ניט פריילעך.

קיין געלט אויף אַ פור האָט ער ניט געהאַט. האָט ער באַשלאָסן צו גיין צופוס.

— וואָס טראַכט איר זיך? — האָט געזאָגט צו אים דער באַלעבאָס — אייערע בגדים זיינען דאָך נאָך ניט איינגאַנצן טרוקן און דער רעגן, ווי עס ווייזט אויס, וועט גיסן און גיסן. וואַרט אָפּ נאָך אַ טאָג.

— קיין בייז! — האָט פרענקלין מונטער געענטפערט — איך בין ניט פון צוקער — כ׳וועל ניט צעגיין.

זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט אים דער באַלעבאָס צוגעווונטשן.

אין משך פון דער נאַכט האָט זיך אונדזער העלד דערוואַרעמט און ס׳איז אים געוואָרן לייכטער.

אין וועג אָבער האָט אים דער רעגן באַלד ווידער דורכגענעצט און ס׳האָט אים ווידער גענומען וואַרפן אין קעלט. ער האָט געפּרואווט לויפן, כדי זיך צו דערוואַרעמען, נאָר די פיס האָבן זיך געגליטשט אויפן שמוציקן וועג. אַרום איז ניט געווען קיין שום הייזל, וווּ מע זאָל זיך קענען אָפּרוען.

ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט געפאָלגט דעם באַלעבאָס פון טראַקטיר און ניט איבערגעוואַרט דעם שלעכטן וועטער. ס׳איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. מע האָט געמוזט גיין מיט די לעצטע כוחות.

ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער, ווען פרענקלין איז קוים שלעפּנדיק די פיס אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָרט האָט ער געפונען עפּעס אַ הויז, וווּ מע האָט געקאָנט איבערנעכטיקן. דער באַלעבאָס האָט אָבער מיט חשד באַטראַכט דעם שמוציקן דורכגעווייקטן

גאַסט און גענומען אים אויספרעגן, ווער ער איז, פונוואַנען, נאָכוואָס ער שלעפּט זיך אַרום איבער פרעמדע וועגן.

מיט גרויס מי האָט זיך בענען איינגעגעבן דעם בעל־אכסניה צו באַרויִקן. בען האָט באַקומען אַ דערלויבעניש איבערצונעכטיקן אין קיך. ווי־עס־איז איז ער איבערגעקומען די נאַכט און אויפן פרימאָרגן אַוועק ווייטער. צום גליק האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט און ס'איז געוואָרן בעסער צו גיין.

בען האָט אָבער געפילט אַ שוואַכקייט און צעבראָכנקייט אין גאַנצן גוף און דעריבער איז אים דער וועג אויסגעקומען מאָדנע לאַנג. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געמוזט צוזעצן, לייגן זיך אויפן גראָז, כּדי צו קריגן כּוח.

ס'איז ווידער געוואָרן נאַכט און מע האָט ווידער געמוזט זוכן אַ נאַכטלעגער אין אַ דאָרף.

דעם אָוונט האָט אים אָפּגעגליקט. ער איז אַריינגעפאַלן צו איינעם אַ ד"ר בראַון, זייער אַ גאַסטפריינדלעכן מענטשן.

דער ד"ר האָט אים אויפגענומען זייער פיין. בען האָט ביי אים גוט אָפּגעגעסן, זיך אָפּגערוט און מיט אמתן פאַרגעניגן פאַרבראַכט די נאַכט מיטן פרימאָרגן.

אויף מאָרגן איז ער געקומען קיין בורלינגטאָן. פון דאַנען זיינען געגאַנגען שיפלעך קיין פילאַדעלפיע.

אויפן ברעג האָט ער זיך צום פאַרדרוס דערוווּסט, אַז גראָד מיט אַ פאָר שעה צוריק איז אַוועק אַ שיפל און דאָס אַנדערע וועט אַוועק ערשט דינסטאָג, און געווען איז שבת. וואָס טוט מען? אויף צו וואַרטן האָט ער קיין געלט ניט.

אַ פאַרדאגהטער איז ער זיך אַזוי אַוועק מיטן גאַס, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. גייט אים אַנטקעגן אַ פרוי, אַ לעקעך־פאַר־קויפערין און לייגט אים פאָר, ער זאָל ביי איר עפּעס קויפן.

— מער ווי לעקעך פעלט מיר ניט! — ענטפערט ער איר און דערציילט איר זיין לאַגע.

דער פרויס פנים האָט אויסגעדריקט רחמנות.

— ווייסט איר וואָס — האָט זי זיך אָפּגערופן — וואַרט אָפּ ביי מיר ביז דינסטאָג. איר וועט מיר באַפרידיקן, ווי איר וועט קאָנען.

און די פרוי האָט אים אָוועקגעפירט אויף אַ בוידעם-שטיבל, געגעבן אים אפילו אַ מיטאָג—טיי מיט ברויט.

אין שטיבל האָט געפייפט דער דלות. דאָס גאַנצע מעבל פון צימערל איז באַשטאַנען פון אַ צעריסענעם מאַטראַץ, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. דאָך האָט זיך פרענקלין גע-פילט ווי געראַטעוועט.

אָפגערוט זיך אַ ביסל, איז ער ווידער אַרויס באַטראַכטן דאָס שטעטל. דאָס שטעטל איז געווען זייער קליין—אַ צוויי, דריי גאַסן און גאָר. דורכגייענדיק די הויפטגאַס, איז פרענקלין ווידער געקומען צום ברעג. צוקומענדיק דערהערט ער—עס שווימט אָפּ אַ קליין שיפל.

פרעגט ער: — וווהין?

זאָגט מען אים: — קיין פילאַדעלפיע!

דערהערט די ווערטער, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו בעטן, מע זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים מיטנעמען.

דער קאַפּיטאַן איז געווען ניט קיין שלעכטער. האָט ער אים מיטגענומען, הגם דאָס שיפל איז שוין געווען פול.

דער וועטער איז געווען אַ שטילער און מע האָט געמוזט אַרבעטן מיט די רודערס.

בען האָט געהאָלפן רודערן. ס'איז אים געווען אָנגענעם צו טראַכטן, אַז יעדער מאַך מיטן רודער דערנענטערט אים צום באַשטימטן ציל, און ער האָט דעריבער פאַרשטאַרקט די ענערגיע.

זיצנדיק אין שיפל, האָט זיך בען דערמאָנט אָן דער גוטער פרוי, וואָס האָט אים אַזוי גאַסטפריינדלעך אויפגענומען. איצט—ווער ווייס, וואָס זי וועט נאָך טראַכטן וועגן אים?...

און ער האָט באַשלאָסן איר אָנצושרייבן אַ בריוו, באַלד ווי ער וועט זיך איינאָרדנען.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און אַ קאַלטע. פאָרן ווייטער האָט מען ניט געקאָנט, מע האָט געמוזט אָפּוואַרטן ביז פאַרטאָג.

די פאַסאַזשירן זיינען אַרויס אויפן ברעג, פונאַנדערגעלייגט פייערן און אויף אַזאַ מין אופן זיך דערוואַרט דעם זונאויפגאַנג.

אויף מאָרגן 8 פרי איז דאָס שיפל געקומען קיין פילאַדעלפיע.
אין משך פון דער גאַנצער רייזע האָט בען פלייסיק גע־אַרבעט און אַלע האָבן גיט געוווּסט, ווי אים צו לויבן.
דער קאַפּיטאַן פון דער שיפל איז געווען אַזוי צופרידן מיט אים, אַז ער האָט אים פאָרגעלייגט פאַרבלייבן אויפן שיפל אַלס אַ געהילף.
בען האָט אים באַדאַנקט, פריינדלעך זיך צעזעגנט מיט די מיטרייזנדע און איז אַוועק אין דער אומבאַקאַנטער שטאָט.

X.

דער גוטער סימן. — ניטאָ קיין אַרבעט. — די ערשטע אַרבעט אין דער דרוקעריי. — די אַרו־מיקע בייטן די מיינונג וועגן פרענקלינען.

בען האָט דערפילט הונגער און איז אַריין אין אַ בעקעריי נאָך אַ ברויטל. זיין גאַנצער אייגנס איז באַשטאַנען פון 3 פענס.
פאַר דרײַזיקער סומע פלעגט מען אין באָסטאָן באַקומען אַ ברויטל.
דער פילאַדעלפער בעקער האָט אים אָבער פאַר דער סומע געגעבן דריי ברייטלעך.
בען האָט פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט: — ס'איז אַלץ פאַר מיר?
דער בעקער האָט באַשטעטיקט.
בען האָט געכאַפּט די ברייטלעך און טאַקע באַלד אויפן גאַס גענומען שטילן דעם הונגער.
ס'איז געווען ניט אַזוי שיין. נאָר אין יענעם מאָמענט האָט פרענקלין וועגן שיינקייט ניט געטראַכט.
דער גאַנצער אויסזען זיינער איז אויך געווען ניט קיין פויגל־דיקער: אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, פאַרשטויבט, צעשויבערט, פולע קעשענעס מיט „באַגאַזש“.

קיין שפּיגעלע האָט ער ניט געהאַט, נאָר לויט די בליקן, וואָס די דורכגייער האָבן אויף אים געוואָרפן, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער זעט אויס.

בען האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי גיין זוכן אַרבעט קען ער ניט. ער מוז זיך פריער אָפּרוען, ברענגען אין אָרדנונג דעם טואַלעט. וווּ געפינט מען אָבער אַ ביליקן מקום מנוחה?

און ווי ער גייט אַזוי אַ פאַרזאָרגטער, דערזעט ער פּלוצלונג — עס זיצט אַן אַלטע פרוי מיט אַ קינד. דאָס קינד שרייט און בעט עסן.

פרענקלין האָט זיך ניט פאַרטראַכט און אָפּגעגעבן דער פרוי זיינעביידע פאַרבליבענע ברויטלעך. די פרוי האָט ניט געוווּסט, ווי אים צו דאַנקען.

— זאָל אייך דער אייבערשטער צושיקן אַלדאָס גוטס, וואָס איר פאַרלאַנגט נאָר אַליין! — האָט זי אים צוגעווונטשן.

בען איז געווען צופרידן. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גוטן סימן.

אַ דינער פון אַ קירך האָט בענען אָנגעוויזן אויף אַ ביליגן האָטעל. בען האָט דאָרט איבערגענעכטיקט, געבראַכט אין אָרדנונג זיין טואַלעט און איז געקומען צו מיסטער בראַדפאָרד.

דער יונגער בראַדפאָרד איז געווען אַ ווױלער מענטש. ער האָט בענען אויפגענומען זייער פריינדלעך, אָבער... קיין אַרבעט פאַר אים האָט ער ניט געהאַט. פאַר דער צייט האָט ער שוין גענומען אַן אַנדער זעצער.

דערהערט די תשובה, איז בען געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד.

דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך דערשראָקן פאַר אים.

— יעדנפאַלס — האָט בראַדפאָרד צוגעגעבן — קענט איר בלייבן ביי מיר עטלעכע טעג, ביז וואַנען איר וועט קריגן אַרבעט.

בען האָט אים באַדאַנקט און זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַנדערע דרוקערייען. בראַדפאָרד האָט אים געגעבן אַ צעטעלע צו אַ צווייטן דרוקער — אַ געוויסן קייספּער.

מיסטער קייספער האָט אויפגענומען בענען ניט גאָר פריינדלעך.

— מאָדנע—האָט ער זיך געוווּנדערט—בראַטפאָרד שיקט צו מיר אַן אַרבעטער, וואָס טויג מסתּמא פאַר אים ניט.

בען האָט אים דערציילט זיין לאַגע, ווי אַזוי ער קומט קיין פילאַדעלפיע.

קייספער האָט זיך אפילו יע געניוטיקט אין אַן אַרבעטער. ער האָט אָבער געצווייפלט, צי דער געקומענער קען די מלאָכה.

בען האָט פאָרגעלייגט אויסצוזעצן עפּעס-וואָס אויף פּראָבע.

דער זאַץ איז דעם באַלעבאָס געפעלן געוואָרן און ער האָט צוגעפירט בענען צום פּרעס, ער זאָל דעם זאַץ אָפּדרוקן.

בען האָט באַטראַכט דעם פּרעס און געפונען, אַז ער טויג ניט.

— וואָס זשע זאָל מען מאַכן?—האָט קייספער געפרעגט.

— מע דאַרף אים פאַריכטן—האָט בען געענטפערט—אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך דאָס מאַכן.

קייספער האָט גערן איינגעוויליגט.

בען האָט אויסגעפירט די אַרבעט גלענצנד און האָט באַקומען די שטעלע.

קייספער האָט אויסגענוצט די לאַגע און געגעבן בענען זייער אַ קליינעם געהאַלט. בען האָט אָבער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט איינגעשטימט אויפן קלענסטן לוין.

בען האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט לייב און לעבן און איז באַלד געוואָרן דער גאַנצער פירער פון דער דרוקעריי.

אַלע קונדן זיינען פון דער אַרבעט געווען זייער צופרידן און די דרוקעריי האָט געקראָגן אַ שם.

בראַטפאָרדן האָט שוין פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן אַזאַ גוטן אַרבעטער און ער האָט געפרוווט אַריבערציִען בענען צו זיך, פאָרגעלייגט אים אַ גרעסערן געהאַלט. פרענקלין האָט אָבער ניט געפועלט ביי זיך צו פאַרלאָזן דעם באַלעבאָס, וואָס האָט אים געגעבן די ערשטע אַרבעט. דערווייל האָט זיך קייספער

דערוואוסט מן הצד, אַז בראַטפאָרד וויל אַריבעררוקן צו זיך פרעק־
לינען. האָט ער אים אויך געהעכערט 4 דאָלאַר אויפן חודש.

— איך האָב שוין אַליין אויך געוואָלט בעטן אַ הוספה — האָט פרענקלין געזאָגט — שווער צו לעבן אויפן פריערדיקן געהאַלט.

— איך האָב טאַקע באַמערקט, אַז איר זייט לעצטנס אויסגעדאַרט געוואָרן. מע האָט אייך, ווייזט אויס, באַריסן — איז דער באַלעבאָס אַריין אין בענס לאַגע — אָט וועל איך אייך איינאָרדענען ביליגער ביים באַלעבאָס פון דעם הויז מיסטער ריד.

פרענקלין האָט טאַקע אַביסל ניט דערעסן, אָבער ניט דערפאַר, ווייל דאָס געהאַלט האָט ניט געקלעקט אויפן עסן, נאָר ווייל ער האָט גענומען קויפן ביכער און אָפּשפּאָרן אויף אַן אָנצוג.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער הוספה האָט ער זיך איינגע־ אָרדנט פיל בעסער. ערשטנס — האָט ער באַקומען מער; צווייטנס — האָט אים מיסטער ריד געגעבן אַ ליכטיקן צימער און גוטע מי־ טאָגן פאַר אַ קליינעם געצאָלט.

— איך האָב גאָרניט גערעכנט, אַז מיר וועט זיך איינגעבן אַזוי גוט זיך איינצואָרדנען — האָט פרענקלין קירצלעך געשריבן צו זיין פריינד דזשאָן קיין באָסטאָן.

צו גוט איז נאָך אָפּילו געווען זייער ווייט. ער האָט געאַר־ בעט אין דרוקעריי 11 שעה אין מעת לעת און צו פרישטיק און אָוונטברויט געהאַט נאָר ברויט מיט טיי.

דערפאַר אָבער נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך געפילט פולקום פריי און זעלבשטענדיק, ניט ווי ביים ברודער.

געשלאָפן האָט בען נאָר 6 שעה אין מעת לעת.

די איבעריקע 7 שעה פלעגט ער פאַרברענגען אין לייענען. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געברענט אַ ליכט ביי אים אין פענצטער און ער איז געזעסן פאַרטיפט איבער ביכער.

צוזאַמען מיט אים האָבן געגעסן ביי די רידס נאָך עטלעכע פרעמדע מענטשן. אַלע האָבן זיך געפילט פריי, גערעדט, געטומלט. איין בען פלעגט ביי מיטאָג קיין וואָרט ניט אויסריידן. אַלע האָבן געקוקט אויפן יונגן זעצער פון אויבן אַראָפּ.

איינמאָל האָט מען ביים טיש געגומען ריידן וועגן צייטונגען. עמיצער האָט באַמערקט, אַז אַרויסגעבן אַ צייטונג איז ניט פון די וויכטיקע זאַכן.

דאַ האָט זיך שוין בען ניט געקאָנט איינהאַלטן.

— איך בין דערמיט ניט מסכים—האָט ער זיך אַריינגע־מישט אין שמועס, רויט ווערנדיק — איך רעכן, אַז אַרויסגעבן אַ צייטונג איז אפשר וויכטיקער פאַר אַן אַנדער אַרבעט. דורך דער צייטונג ווערן אויפגעדעקט פיל פאַלשקייטן און גנבות. דאָרטן ווערן באַהאַנדלט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך פאַרוווּנדערט געקערט צו אים.

בען האָט זיך דערמוטיקט און גענומען דערציילן ביישפּילן פון דער באָסטאָנער צייטונג.

— איך זע, אַז איר זייט זייער גוט באַהאַווּנט אין די צייטונגס־ענינים—האָט באַמערקט מיסטער ריד—ווי קומט דאָס צו אייך?

— יאָ, מיינער אַ ברודער האָט דאָס אַרויסגעגעבן די באָסטאָנער צייטונג.

אייניקע האָבן זיך דערמאָנט וועגן די סיכסוכים, וואָס די צייטונג האָט געהאַט מיט דער ענגלישער מאַכט.

בען האָט דערציילט, ווי זיין ברודער איז פאַר אַ פרייער מיינונג געזעסן אין תּפיסה, ווי ער, בען, האָט דאַן אַליין אַרויסגע־געבן די צייטונג. אגב איז ער שוין אַרויסגעטראָטן קעגן די ענג־לישע פרעסע־געזעצן, וואָס זיינען ניט צוגעפּאַסט פאַר דער פרייער אַמעריקע.

בען האָט גערעדט מיט היץ. די אויגן זיינע האָבן געגלאַנצט, די ברוסט האָט זיך געהויבן.

אַלע האָבן געשטוינט:

— אָט דאָס איז דער באַשיידענער זעצער, וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן?

פאַר זיי איז געשטאַנען אַ פייערדיקער קעמפער פון אונטער־דריקונג, אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרטיידיקער פון פרייהייט.

עמיצער האָט אַ פרעג געטאָן: — ווי אַלט זייט איר?
— 17 יאָר.

דער וואונדער ביי די צוהערער איז נאָך מער אויסגעוואַקסן. פון יענסמאָל אָן האָט מען זיך שוין באַצויגן צו אים גאָר אַנדערש.

מיסטער ריד האָט באַמערקט בענס ליידנשאַפט צום לייענען און האָט אָפּגעגעבן אין זיין רשות אַ קליינע ביבליאָטעק.

XI.

דער אומגעריכטער בריוו. — די באַקאַנטשאַפט מיטן גובערנאַטאָר. — די גוטע האָפענונגען. — ווידער אין באָסטאָן. — די פרייד פון די נאָענטע. די באַגעגעניש פון די ברידער. — די האָפעַנונגען פּלאַצן.

אַ האַלב יאָר האָט פרענקלין אַזוי פאַרבראַכט אין פילאַדעלפיע, צרבעטנדיק אַ גאַנצן טאָג אין דער דרוקעריי און די אָוונטן — אויף זעלבסטבילדונג.

פאַר דער צייט האָט ער באַקומען נאָר איין בריוו פון זיין חבר דזשאָן. אין בריוו האָט אים דער חבר דערציילט, וואָס פאַר אַ רושם עס האָט געמאַכט אין שטאָט בענס פאַרפאַלן ווערן.

אַ גרויסער טייל האָט אים באַשולדיקט; עס האָבן זיך אָבער געפונען אַ סך, וואָס האָבן אים פאַרטיידיקט. צום סוף פון בריוו האָט דזשאָן צוגעגעבן, אַז דעם סוד היט ער אָפּ הייליק און קיינער אין שטאָט ווייס ניט פון זיין אָנטייל אין בענס פליטה.

בען האָט געמיינט, אַז זיינע קרובים ווייסן טאַקע ניט פון אים און דאָס געוויסן האָט אים גענומען פייניקן. ווי גרויס איז אָבער געווען זיין וואונדער, ווען מע האָט אים איינמאָל געבראַכט אַ בריוו

פון זיינעם אַ שוואָגער אַ קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אים געראַטן צוריקצוקערן זיך אַהיים און באַרויִקן טאַטע־מאַמע.

דערדאָזיקער בריוו האָט בענען שטאַרק אויפגערודערט. ביז איצט איז ער געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און אין לייענען, אַז ער האָט וועגן דער היים זעלטן ווען געטראַכט. און אַז ער פלעגט זיך שוין יאָ ווען דערמאָנען, פלעגן אַרויסשווימען אין זכרון די באַליידיקונגען און ער פלעגט זיך מיען וואָס גיכער אַלץ צו פאַרגעסן. דער בריוו האָט אָנגערירט ביי אים אַ נשמה־סטרונע. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ווייטאָק און אַ חרפּה.

אונטער דעם איינדרוק פון די פּיינלעכע געפילן איז ער אין יענער מינוט גרייט געווען אַלץ צו וואַרפן און תּיכּף צוריק צו פאָרן קיין באָסטאָן. ער האָט זיך אָבער באַלד געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי וועט ער קומען אַהיים? צי וועלן די קרובים ניט אויס־טייטשן זיין קומען ווי אַ סימן פון חרטה, אַז די נויט האָט אים געצוווּנגען זיך צוריקצוקערן און צו בעטן ביי אַלעמען מחילה און ווער ווייס, צי וועט זיך דזשעמס ווידער ניט וועלן באַנוצן מיט זיינע רעכט פון אַ מייסטער?

אַ גאַנצן טאָג האָבן אים געמאַטערט פאַרשיידענע געפילן און געדאַנקען. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אָנצושרייבן צום קאַפּיטאַן אַ בריוו, אין וועלכן ער וועט אים דערציילן די אמתע סיבה, וואָס ס׳האָט אים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די היים.

— דזשעמס — האָט בען געשריבן אין בריוו — האָט געקוקט אויף מיר ניט ווי אויף אַ ברודער, נאָר ווי אויף אַ לערנייִנגל, וואָס מוז ביי אים דינען ביז 21 יאָר. איך בין געווען פאַרעכנט פאַר אַ קנעכט, וואָס מע דאַרף האַלטן אין צוואַנג... אמת, איך האָב אָפּטמאָל ניט געפאָלגט, געהאַט העזה, נאָר עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס די געדולדיקסטע מענטשן קענען ניט אַריבערטראָגן. ער האָט מיך ניט נאָר באַליידיקט מיט ווערטער, נייערט דערלויבט זיך אפילו צו הייבן אַ האַנט. און איר ווייסט דאָך, אַז מיר, די פרענקלינס, וועלן אַזוינס ניט פאַרטראָגן. דאָס איז געווען דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט אָנגעפילט דעם כּוס. איך האָב געזען, אַז איך בין פאַר־משפּט צו ליידן אונטער דער הערשאַפט פון אַ מייסטער אַן אַכזר,

וואָס האַלט אַלע זיינע מעשים פאַר גערעכט. אַוועקגיין אָפּן האָב איך ניט געקאָנט, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. ניט אַזוי לייכט איז דאָס מיר אָנגעקומען. איידער איך האָב מיך אַנטשלאָסן אויף אַזאַ שריט, האָב איך פיל געקעמפט מיט זיך. די שטרעבונג צו פרייהייט האָט באַזיגט אַלע געפילן און איך האָב פאַרלאָזט די היים. יאָ, איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט מיך באַשולדיקן, האַלטן פאַר אַ פאַרלאָרענעם מענטשן, ס'איז אָבער ניט ריכטיק. איך בין ניט פאַרלאָרן. איך האָב פריינד, וואָס העלפן מיר זיך בילדן, איך אַרבעט אָרנטלעך און פאַרדין מיין אויסקומעניש... אויב פאַרן נצחון אין לעבן איז נויטיק אַרבעטזאַמקייט, אָרנטלעכקייט און עקשנות, וועל איך מנצח זיין! איך בעט דאָס געדענקען"...

דער קאַפּיטאַן האָט זייער געליבט בענען און געהאַלטן אים פאַר אַ פּיָקן יינגל. איבערלייענענדיק דעם בריוו, איז ער גע-רירט געוואָרן ביז טרערן. ער האָט אים געוויזן פיל פון זיינע באַקאַנטע און אויף אַלעמען האָט דער בריוו געמאַכט אַ רושם. מע האָט זיך מיטן בריוו אַרומגעטראָגן און ער איז ענדלעך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם פּענסילוואַנער גובערנאַטאָר, מיסטער קעט.

(דער קאַפּיטאַן האָט געוווינט אין שטאַט פּענסילוואַניע).

— אייער פריינד איז ניט קיין געוויינטלעכער יונגערמאַן! — האָט דער גובערנאַטאָר באַמערקט, אויסהערנדיק די דערציילונגען וועגן בענען און באַקאָנענדיק זיך מיט זיין בריוו — ער טאָר ניט פאַרבלייבן קיין פּשוטער אַרבעטער. איך וועל די טעג זיין אין פילאַדעלפיע, וועל איך זען פאַר אים עפּעס צו טאָן.

בען האָט פון קיין מעשה ניט געוווּסט. ער האָט פלייסיק געאַרבעט אין דער דרוקעריי און ביסלעכוויין ווידער פאַרגעסן אָן די קרובים.

איינמאָל קומט אַריין אין אַרבעטס-צימער דער באַלעבאָס און רופט אים:

— זייט מוחל אויף אַ ווײַלע!

פרענקלין איז אַריינגעקומען אין קאַנטאָר. דאָרט איז גע-

זעסן אַן אומבאַקאַנטער הער, פאַר וועלכן דער באַלעבאָס איז געשטאַנען אין אַן אַכטונגספולער פּאָזע.

— איר זייט בענדזשעמין פרענקלין ?—האָט דער אומבאַקאַנטער געפרעגט, דערלאַנגענדיק בענען די האַנט. איך האָב פיל געהערט פון אייך פון אייער קרוב, קאַפּיטאַן גאָמס פון ניו-קעסטל, זייער אָנגענעם זיך צו באַקאָנען מיט אייך.

— דאָס איז דער ה׳ גובערנאַטאָר, מיסטער קייט!—האָט דער באַלעבאָס געמאָלדן פרענקלינען מיט גרויס דרך ארץ.

— יאָ, איך בין מיסטער קייט—האָט דער גובערנאַטאָר פאָרגעזעצט—איר וועט זיין אַזוי פריינדלעך און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אַריינקומען צו מיר אין אַ פרייער שעה. איך האָב מיט אייך וואָס איבערצוריידן.

דער גובערנאַטאָר האָט נאָכאַמאָל געדריקט פרענקלינען די האַנט און פאַרלאָזט די דרוקעריי.

מע קען זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט דעם גובערנאַטאָרס באַזוך אויף דעם באַלעבאָס מיט די אַרבעטער.

דער באַלעבאָס איז גרייט געווען אָפּצוגעבן אַ טאָג לעבן, נאָר צו דערגיין, אויף וואָס דער גובערנאַטאָר דאַרף האָבן זיין זעצער.

פרענקלין האָט אָבער אַליין ניט געוווסט, וואָס דעם גובערנאַטאָרס וויזיט באַטייט. איין געדאַנק האָט אים יאָ אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, אַז דער שוואָגער האָט זיך אַרויסגערעדט פאַרן גובערנאַטאָר וועגן זיין אַנטלויפן און דער גובערנאַטאָר וויל דאָס אים איצט אָפּטראַנספּאָרטירן אַהיים.

בען האָט אָבער וועגן דעם קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט.

אויף מאָרגן האָט שוין דער באַלעבאָס אַליין געטריבן דעם אַרבעטער וואָס גיכער צו גיין צום גובערנאַטאָר. און אַז פרענקלין איז צוריקגעקומען, האָט ער אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן: נו, וואָס? וואָס דאַרף ער?

— גאָרניט—האָט פרענקלין רויִק געענטפערט—פּשוט, עס האָט זיך אים געוואָלט באַקאָנען מיט מיר.

— אַ פֿיינע מעשה. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ גובערנאַטאָר זאָל זיך באַקאָנען מיט אַן אײנפּאַכן זעצער! — האָט זיך דער באַלעבאָס ניט געקאָנט אָפּוואונדערן.

— מיר האָבן געשאַפֿן אַ ביישפּיל פֿון אַזוינע באַקאַנטשאַפֿטן — האָט זיך פֿרענקלין געוויצלט און גענומען זיך, ווי געוויינטלעך, צו דער אַרבעט.

פֿרענקלין האָט אינדערזמתן ניט געהאַט, וואָס צו דערציילן, ווייל ביים ערשטן וויזיט האָט דער גובערנאַטאָר גערעדט מיט אים וועגן פֿאַרשיידענע ענינים.

ווייזט אויס, אַז זיין אָרט ריידן, זיינע קלוגע תּשובות, זיין באַהאַוונטקייט אין פֿאַרשיידענע ענינים האָבן געמאַכט אויפֿן גובערנאַטאָר אַ שטאַרקן רושם. ער האָט זיך אַזוי פֿאַרינטערעסירט מיטן יונגנמאַן, אַז ער האָט גענומען ביי אים אַ וואָרט צו קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום אויף אַ מיטאָג.

צו דער באַשטימטער שעה איז פֿרענקלין געקומען און ביי מיטאָג האָט אים דער גובערנאַטאָר דערציילט, אַז ער האָט אַ פּלאַן צו עפֿענען אין שטאָט אַ נייע גרויסע דרוקעריי. ער וויל, אַז מיט דער דרוקעריי זאָל אָנפֿירן אַ טיכטיקער מענטש און אַ זאַכקענער. דערביי האָט דער גובערנאַטאָר געמאַכט פֿרענקלינען אַ פֿאָרשלאָג די דאָזיקע דרוקעריי צו עפֿענען.

פֿרענקלין האָט אויסגעשטעלט אויפֿן גובערנאַטאָר אַ פּאָר-וואונדערטן פּנים:

— איך פֿאַרמאָג גאָרניט... איך לעב פֿון מיין אַרבעט — האָט ער דערקלערט דעם גובערנאַטאָר.

— דאָס שאַדט ניט. איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל אייך געבן אַ בריוו צו אייער פֿאָטער. זאָל ער אייך אויסהעלפֿן נאָר ביי דער ערשטער איינאָרדנונג און דאַן וועל איך שוין זען, אַז אַלע רעגירונגס-באַשטעלונגען זאָלן אַריין צו אייך. פֿאַר די ערשטע באַשטעלונגען וועט איר באַקומען אַוואַנסן. באַטראַכט זיך... אָבער, זעט, רעדט זיך ניט אַרויס פֿאַר קיינעם וועגן דעם, איר דאַרפֿט זען, אַז די איבעריקע דרוקער זאָלן אייך ניט שטערן...

פֿרענקלין האָט פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון דעם פֿאָרשלאָג.

ער האָט געוווסט, אַז דעם גובערנאַטאָרס בריוו וועט ווירקן אויפן פאָטער און דער פאָטער וועט אים געוויס אויסלייען די נויטיקע סומע.

און גלייך האָט ער שוין גענומען חלומען וועגן אַן אייגע־נער ציטונג.

פרענקלין האָט צוגעזאָגט צו פאָרן קיין באָסטאָן מיט דער ערשטער שיף, וואָס וועט אָפּגיין.

קיין אייזנבאַן, קיין שטענדיקער שיפספּאַרקער איז נאָך דאַן ניט געווען.

די נאָענטסטע שיף האָט געדאַרפט אָפּגיין אין 2 חדשים אַרום.

די 2 חדשים האָבן זיך ביי פרענקלינען געצויגן זייער לאַנג, ווייל אים האָט זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער אָנקוקן די היים און די נאָענטע.

כדי צו ווייזן, אַז ער קומט אַראָפּ ניט קיין אָרעמאַן, האָט ער זיך פיין באַקליידט און געקויפט זיך אַפילו אַ טאַשן־זייגער...

און אָט איז ער שוין ווידער אויפן שיף. וואָס דאַרף גע־ווערן די רייזע? עטלעכע טעג. אָבער דער חשק צו זען די היים איז ביי אים אַזוי שטאַרק, אַז ווען מע וואָלט געקאָנט, וואָלט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייגעלע און וואָס גי־כער אַהין געפלויגן... און ווי אויף צו להכעיס האָט זיך דער וועג געצויגן מוראדיק לאַנג. דער שיף איז אויסגעקומען צו קעמפן מיט שטאַרקע שטורעמווינטן און ערשט אין 2 וואָכן אַרום האָט זי געאַנקערט אין דעם האַפן מאַסאַטשוזעטס.

באַטרעטנדיק די יבשה, האָט זיך פרענקלין געלאָזט לויפן אַהיים. דאָרט האָט ער דעם ערשטן געטראָפן דעם פאָטער.

— בען!...

אין דעם אויסגעשריי, מיט וועלכן דער פאָטער האָט אים באַגעגנט, אויסשטרעקנדיק צו אים די הענט, איז געווען אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל ליבע, אַז ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער האָט אים אַלץ מוחל געווען.

פון קיך איז געקומען די מוטער און איז אים שווייגנדיק

געפאַלן אויפן האַלדז. בען האָט זי שטייף צוגעדריקט צום האַרצן, באַדעקט מיט קושן איר פאַרוויינטן פנים. וויפיל נייע קנייטשן עס האָבן זיך אויסגעשניטן אויפן ליבן פנים!... וויפיל זילבערנע פעדעם עס האָבן זיך באַוויזן אין איר שוואַרצן קאָפּ!...

זיין האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט פאַר ווייטאָק, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'קען זיין, אַז ער איז דאָס שולדיק אין דעם.

— ביסטו דאָס בען? — האָט זיך די מאַמע געפרייט מיט טרערן אין די אויגן — און איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל דיך שוין קיינמאָל ניט זען... גאָט, סאַר אַ גליק!... וווּ ביסטו דאָס געווען? וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

עס זיינען אָנגעקומען די ברידער מיט די שוועסטער. בען האָט זיך מיט אַלעמען אַרומגענומען, מיט אַלעמען זיך געקושט. עטלעכע מינוט זיינען אַריבער, איידער די משפּחה האָט זיך באַרויִקט.

ערשט דאַן האָט ער גענומען דערציילן אַלץ גענוי, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

— און וווּ איז דזשעמס? — האָט בען אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט — כ'וואָלט זיך וועלן זען מיט אים.

— פאָרט אַ ווילער יונג אונדזער בען! — האָט די מאַמע געזאָגט — מע דאַרף פאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען, און ווערן גוט־פריינד!

בען א'ז אַוועק צום ברודער. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. ער האָט געטראַכט: ווי וועט אים דער ברודער באַגעגענען?

אַריינקומענדיק אין דרוקעריי האָט בען געטראָפן דעם ברודער פונקט אַנטקעגן טיר.

— דזשעמס! ברודער־לעבן! — האָט בען אויסגעשריען. נאָר דזשעמס איז געבליבן קאַלט ווי אייז; קאַלט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, נאָך קעלטער באַטראַכט אים פון אויבן ביז אַראָפּ און ווידער גענומען זיך צו דער אַרבעט.

בען איז געווען באַליידיקט און צעקלעמט. ער איז געגאַנגען אַהער מיט אַן אמתן ווילן מחילה צו בעטן פאַר אַלע

אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס ער האָט פאַרשאַפט דעם ברודער בײַ אים איז קיין ספק ניט געווען, אַז דער ברודער וועט איצט אויך דערקענען זיין שולד. און מיטאַמאָל אַזאַ קאַלטע באַגעגעניש!

בען איז גרייט געווען תּיכּף צו פאַרלאָזן די דרוקערײַ, כּדי מער שוין אַהער ניט אַריינצוקומען. נאָר זיינע געוועזענע חברים, די אַרבעטער, האָבן אים אַרומגערינגלט, פאַרוואָרפן אים מיט פראַגן.

בען האָט פאַרבראַכט מיט זיי אַ פּאָר שעה, דערציילט זיי וועגן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט.

אין גאַנץ באָסטאָן האָט זיך נאָר איין דזשעמס צו אים באַצויגן אַזוי ניט פריינדלעך. אַלע איבעריקע נאָענטע און ווייטע באַקאַנטע האָבן אים באַגעגנט מיט גרויס פרייד, דערציילט און פונאַנדערגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט פאַר דער פאַרלאָפענער צייט.

באַזונדערס האָט זיך בען דערפרייט מיט זיין חבר דזשאָן אים האָט בען דערציילט ניט נאָר, ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין משך פון יאָר, נאָר אויך, וואָס ער האָט פאַרן יאָר דורכגעלייענט און אויפגעטאָן.

דזשאָן האָט אַרויסגעוויזן גרויס פרייד.

בען האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז דער חבר ווערט עפּעס אין מיטן שמועס צעשטרייט, אַז די פריילעכקייט זיינע איז ניט קיין נאַטירלעכע.

דזשאָן האָט גענומען טענהן, אַז מע קען ניט אייביק זיצן איבער ביכער, אַז מע דאַרף אַ ביסל פאַרברענגען אויך, אַז אַ פריילעכע קאָמפּאַניע פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דזשאָן איז געווען זייער אַ לייכטזיניקער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צווישן אַ קאָמפּאַניע לעב-יונגען שיכּורים.

בען איז געווען אויסער זיך פון דער כּעס און האָט פאַרבעלייגט דעם חבר אויפהערן צו טרינקען.

דזשאָן האָט זיך אויסגעלאַכט.

— דו מיינסט, מע טרינקט כּסדר? נאַרישקייטן!... ס'מאַכט זיך אַ געלעגנהייט, נעמט מען צו די ליפּן...

אויף מאָרגן האָט בען דערציילט דעם פּאָטער וועגן זיין שמועס מיטן גובערנאַטאָר און איבערגעגעבן אים דעם בריוו.

דער פּאָטער האָט זיך מיטן בריוו זייער דערפרייט, אָבער דעם גובערנאַטאָרס פּלענער ניט אויפגענומען אַזוי, ווי דער זון האָט דערוואַרט.

—ביסט ס״ה 18 יאָר אַלט און ווילסט שוין ווערן פֿאַר זיך אַ באַלעבאָס !... — האָט דער פּאָטער געטענהט — צו פרי, מיין זון !... דער גובערנאַטאָר געפינט, אַז דו ביסט קלוג און פאַרשטאַנדיק ניט לויט די יאָרן—מיגלעך, אַז ער איז גערעכט. פאַר דיינע יאָרן אָבער איז גענוג פאַר דיר דאָס, וואָס דו ביסט. דו דאַרפסט זיך נאָך אַ סך לערנען און ערשט אין אַ יאָר דריי אַרום נעמען טראַכטן צו ווערן פאַר זיך אַ באַלעבאָס.

בען האָט געפרוווט בעטן, איבערצייגן דעם פּאָטער. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער פּאָטער איז געבליבן ביי זיין מיינונג. אַלע האָפענונגען, מיט וועלכע דער יונגער פרענקלין איז געקומען קיין באָסטאָן, זיינען צעשטערט געוואָרן.

ביי אַ צוויי וואָכן האָט נאָך בען פאַרבראַכט אין באָסטאָן און דאַן איז ער צוריק אָפּגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע.

ערב זיין אַוועקפאָרן איז געקומען צו אים זיין חבר דזשאָן.

— ווייסט ? איך פאָר מאָרגן מיט דיר ! — האָט ער געזאָגט !

— וואָס הייסט ?—האָט זיך בען פאַרוווּנדערט.

— פאַרשטייסטו מיך—האָט דזשאָן גענומען דערציילן—איך האָב פאַרלאָרן די שטעלע, היי־יאָר שוין די דריטע. און איך רעכן, אַז דאָ וועט זיך מיר שוין מער ניט איינגעבן זיך איינצו־אָרדנען... נאַראָנים, זיי מיינען, אַז מע נעמט אַן איבעריקן טראָפּן, טויג מען שוין צו קיין זאַך ניט.

— דיזעלביקע נאַראָנים וועסטו אויך טרעפן אין פילאַדעלפיע—האָט אים בען געענטפערט—דאָרטן קען מען אויך ניט ליידן קיין שיכּורים. אויב דו וועסט ניט אויפהערן צו טרינקען, ביסטו אַ פאַרפאַלענער.

— צי דען מיינסטו, אַז איך פאַרשטיי דאָס ניט ?—האָט

דזשאָן זיך גענומען בעטן. איך וויל טאַקע אָפּפאָרן, כדי פּטור צו ווערן פון דער פאַרדאַרבענער קאָמפּאַניע. אויף אַ נייעם אָרט וועט זיך אָנהייבן אַ ניי־לעבן.

— גיסט אַן ערן וואָרט ?—האָט בען געפרעגט.

דזשאָן האָט צוגעזאָגט.

— אויב אַזוי—האָט בען מסכים געווען—פאָרן מיר.

און ביידע פריינד האָבן זיך פעסט געדריקט די הענט.

אויף מאָרגן האָט די גאַנצע משפחה אויסער דזשעמסן באַגלייט בענען צום שיף.

די מוטער האָט גענומען ביים זון אַ וואָרט, אַז ער וועט שרייבן מיט יעדער געלעגנהייט. דער פאָטער האָט אים באַגלייט מיט אָט די ווערטער:

— זיי ניט אין כעס, מיין זון, וואָס איך האָב ניט געטאָן אַזוי, ווי דו האָסט פאַרלאַנגט פון מיר. איך האָב קיין רעכט ניט אָפּצוגעבן דיר אַליין אויף אַן אומבאַשטימטער צייט דאָס געלט, וואָס געהערט צו דער גאַנצער משפחה. אַרבעט נאָך עטלעכע יאָר און דאַן וועלן מיר זען!...

בען האָט זיך מיט אַלעמען הארציק געזעגנט און געזעצט אויפן שיף.

אַלע האָבן אים מיטגעשיקט די בעסטע ווונטשן און ברכות.

XII.

צוריק אין פילאַדעלפיע. — די נייע פּלענער—לאָנדאָן. — די אַנטוישונג. — ראַלפס יאוש.

צוריקקומענדיק קיין פילאַדעלפיע, איז בען קודם כל געגאַנגען צום גובערנאַטאָר, איבערגעגעבן אים דעם פאָטערס תשובה.

דער גובערנאַטאָר האָט פונדעסטוועגן צוגעזאָגט בענען זיין הילף און געראַטן אים ניט אַראָפּצופאַלן ביי זיך.

בען האָט זיך ווידער מוטיק גענומען צו דער אַרבעט.

דער באַלעבאָס האָט שוין אויסגעקוקט די אויגן וואַרטנדיק אויף אים, ווייל אָן בענען האָט ער זיך ניט געקאָנט באַגיין.

דער באַלעבאָס איז געווען אַזוי צופרידן מיט בענס אַרבעט, אַז ער האָט אָן בענס ביטע געהעכערט אים דאָס געהאַלט.

בען איז אצינד איצט געוואָרן אַ גרעסערער בעל-הוצאה. דער חבר דזשאָן האָט אים בדיל הדל געשטעלט. ער האָט זיך אין פילאַדעלפיע אויך אויסגעזוכט אַ לוסטיקע קאָמפּאַניע, מיט וועלכער ער פלעגט הוליען גאַנצע נעכט. קיין שטעלע האָט ער ניט געקראָגן און בען האָט אים געדאַרפט אויסהאַלטן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דזשאָן אָפּגעפאָרן און דאַן ערשט האָט בען פריי אָפּגעאָטעמט, האָט ווידער אָנגעהויבן צו פירן אַ רויִקן אַרבעטזאַמען לעבן.

איצט איז ער שוין ניט געווען אַזוי עלנט ווי אַמאָל.

ער האָט זיך באַקאָנט מיט עטלעכע געבילדעטע יונגע לייט.

מע האָט צוזאַמען געלייענט, פונאַנדערגעקליבן ליטעראַרישע ווערק, געשריבן לידער אויף פאַרגעבענע טעמעס.

הגם אַלע חברים זיינען געווען עלטער פאַר בענען, האָבן זיי זיך דאָך באַצויגן צו אים מיט גרויס אכטונג, אָנערקענט זיינע פייִקייטן צום שרייבן, זיין טאַלאַנט אָפּצושאַצן געלייענטע ווערק.

פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך טרעפן מיטן גובערנאַטאָר און געבן אים אינפאָרמאַציעס וועגן דער דרוקעריי-אַרבעט.

איינמאָל רופט זיך פלוצלונג אָפּ דער גובערנאַטאָר צו אים:

— איר ווייסט, וואָס איך האָב באַשלאָסן? איר זאָלט אונטערפאָרן קיין לאָנדאָן, איינקויפן דאָרט די נויטיקע מכשירים און עפענען די דרוקעריי.

זיין אין אייראָפּע, זען ענגלאַנד, דאָס לאַנד פון וועלכער די קאָלאָניעס פלעגן באַקומען אַלע ביכער און קענטעניש—דאָס אַלץ איז געווען אַזוי צוציִענדיק, אַז בען האָט תיכף איינגעשטימט.

וואָס ווייטער האָט דער גובערנאַטאָר זיין פּלאַן אַלץ מער פאַר־בּרייטערט. פרענקלין האָט געדאַרפט איינקויפן ניט נאָר די מכשירים פאַר אַ דרוקעריי, נייערט אויך פאַרבינדן זיך מיט פּאַפּיר־פאַבּרי־קאַנטן און ביכער־פאַרלאַגן, כדי צו עפענען גלייכצייטיק מיט דער דרוקעריי אויך אַ פּאַפּיר־און בּוך־געשעפט.

דער גובערנאַטאָר האָט אויך צוגעזאָגט צו געבן בּענען עט־לעכע רעקאָמענדיר־בּריוו צו וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין לאָנ־דאָן, וואָס וועלן אים בּאַקאָנען מיט פאַרשיידענע זייטן פון לעבן אין דער הויפּטשטאָט. דאָרט אין לאָנדאָן וועט ער אין 2 חדשים בּאַקומען מער דערפאַרונג און קענטענישן ווי דאָ אין 3 יאָר.

אויסהערנדיק דעם גובערנאַטאָרס פּלענער,האָט בּען ניט דרייסט בּאַמערקט: — אַלץ גוט, אָבּער איך האָב דאָך קיין מיטלען ניט..

— וועגן דעם דאגהט ניט! — האָט אים דער גובערנאַטאָר בּארויקט — איך וועל אייך איינאָרדנען אַן אומזיסטע רייזע און אין לאָנדאָן וועלן אייך מיינע פריינד שאַפן אַלץ, וואָס איר וועט נויטיק האָבן.

ביים געזעגענען זיך האָט דער קאַפּיטאַן פאַרזאָגט בּענען, אַז זיינע פּלענער בּלייבן דערווייל פאַר אַנדערע אַ סוד.

בּען האָט זיך גענומען בּשתיקה גרייטן צו דער רייזע. ענדלעך איז די שיף געקומען. בּען האָט שוין פון פריער געהאַט געמאָלדן דעם בּאַלעבּאָס, אַז עס מאַכט זיך אים אַ געלעגנהייט צו פאָרן אומזיסט קיין לאָנדאָן און ער וויל די געלעגנהייט אויס־נוצן. דער בּאַלעבּאָס און אויך די בּאַקאַנטע האָבּן אים געפּרוווט אָפּריידן פון זיין לייכטזיניקן בּאַשלוס. בּען האָט אָבּער קיינעם ניט געפאָלגט.

שווערער ווי מיט אַלעמען איז בּענען געווען זיך צו געזע־געגען מיט מיסטער רידס טאָכטער. פאַר דער צייט פון זייער בּאַקאַנטשאַפט האָבּן זיך די יונגע לייט שטאַרק בּאַפריינדעט און איינע די אַנדערע ליב געקראָגן.

בּען האָט בּאַשלאָסן זיך דורכצורייד מיטן מיידלס פאָטער, זאָגן אים, אַז ער פאַרלאַנגט דער מיידלס האַנט. מיסטער ריד האָט אויף אַזאַ פאָרשלאָג ניט געוואַרט און איז פון אים געוואָרן זייער אויפגעבּראַכט.

— יונגערמאַן, וואָס טראַכט איר זיך? — האָט ער געפרעגט —

איר מיט אייער געהאַלט וועט קענען אויסהאַלטן אַ פרוי?.. און אגב — איר פאָרט דאָך אַוועק..

— איצט רעכן איך אויך ניט חתונה צו האָבן — האָט בען געענט־פערט — נאָר מיר ווילט זיך האָבן אייער דערלויבעניש צו רעכענען אייער טאָכטער פאַר מיין כלה.

— מיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ זעצער! — האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס די מוטער — דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין!.. פאַרגעסט אָן דעם, מיסטער פרענקלין!

נאָך די עלטערנס אָפּזאָג האָבן זיך די יונגע קינדער געפילט זייער טרויעריק. זיי האָבן זיך דאָך געגעבן דאָס וואָרט אייביק צו ליבן איינע די אַנדערע און ווירקן אויף די עלטערן, אַז זיי זאָלן זייער צושטימונג צו דער חתונה געבן.

ערב דעם אַוועקפאָרן איז בען געקומען צום גובערנאַטאָר נאָך די בריוו. מע האָט אים אָבער געזאָגט, אַז די בריוו זיינען נאָך ניט פאַרטיק, מע וועט זיי שוין צושיקן אויפן שיף. אויפן שיף האָט בען כּסדר נאָכגעפרעגט וועגן די בריוו. זיי זיינען נאָך אָבער ניט געווען. ערשט מיט עטלעכע מינוט פאַרן אָפּפאָרן איז געקומען דעם גובערנאַטאָרס סעקרעטאַר און געמאָלדן, אַז די פּאָסט וועט מען צושיקן מיט אַ געלעגנהייט אין אַ פּאָר טעג אַרום צו אַ באַ־שטימטער סטאַנציע. און אַזוי איז טאַקע געווען. פרענקלין האָט זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס עס זיינען געווען נאָר 3 בריוו, אין דער צייט, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אים צוגעזאָגט צו געבן איבער אַ צענדליק.

די רייזע האָט פאַרשאַפט פרענקלינען גרויס פאַרגעניגן און אַ באַגייסטערטער איז ער אָנגעקומען קיין לאָנדאָן.

די הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד האָט געמאַכט אויפן יונגן אַמע־ריקאַנער אַ טיפן רושם. אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען. אַלץ איז געווען פאַר אים ניי, אַלץ האָט אים פאַרוווּנדערט: די לאַנגע, מיט מענטשן געפּאַקטע גאַסן, די הויכע געמוי־ערטע הייזער, די פּראַכטפולע קירכן און פּאַלאַצן, די גרויסע געשעפטן, די בונטע בגדים פון די דורכגייער — אַלץ!

צוגלייך מיטן פּראַכט און גלאַנץ האָבן זיך אויך געוואָרפן

אין די אויגן שמאָלע שמוציקע געסלעך, פיל אָרעמעלייט, שמוציקע, אָפּגעריסענע, מיט קרענקלעכע פּנימער.

די נייע בילדער האָבן בענען פאַרבלענדט. אין באָסטאָן און אין פילאַדעלפיע זיינען די הייזער דאָס רוב געווען הילצער־נע, איינפאַכע, נידעריקע; די קירכן האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעטיילט פון אַנדערע געביידעס. פון פּאַלאַצן האָט מען דאָרט ניט געוווסט. דערפאַר האָט זיך דאָרט אויך ניט געזען אַזאַ אָרעמ־קייט ווי דאָ. יעדער, וואָס איז געווען פעיִק צו אַרבעט, האָט געהאַט וואָס צו עסן און ניט געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדע.

שפּאַצירנדיק איבער די לאָנדאָנער גאַסן, האָט פרענקלין געטראַכט מיט גרויס הנאה, אַז ס'וועט אים זיין זייער אינטערעסאַנט דאָ צו פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים. ער וועט דאָ פיל זען און מיט אַסך נייסן זיך באַקאָנען. אָבער וואָס לענגער ער איז געגאַנגען, אַלץ עלנטער האָט ער זיך דערפילט צווישן דער גרויסער מענגע ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן אויף אים אַפילו קיין קוק ניט געגעבן. ער האָט זיך גענומען איילן, כדי וואָס גיכער צו געפינען די פּערזאָ־נען פון די אָנגעוויזענע אַדרעסן. דער ערשטער פון די אָנגעווי־זענע אַדרעסאַטן איז געווען אַ רייכער פּאַפּיר־פאַבריקאַנט. ער האָט דאָס געדאַרפט געבן פרענקלינען די נויטיקע געלט־מיטלען. ער האָט איבערגעלייענט דעם גובערנאַטאָרס בריוו און מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געפרעגט: — ווער שרייבט דאָס?

פרענקלין האָט אָנגערופן דעם גובערנאַטאָרס פאַמיליע.

— איך קען גאָרניט אַזוינעם — האָט זיך דער פאַבריקאַנט אָפּגערופן און גענומען באַטראַכטן פרענקלינען מיט גרויס חשד.

באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז גאָר אַמאָל אין די יונגע יאָרן האָט ער יאָ געהאַט אַ שול־חבר מיט דערוועלביקער פאַמיליע. ער האָט זיך שוין אָבער אָן יענעם לאַנג פאַרגעסן און געבן געלט אויף זיינע אָנווייזונגען האָט ער ניט בדעה.

פרענקלין איז אַוועק מיט גאָרניט. ער איז געווען זייער צוטראָגן.

— צי דען האָט אים דער גובערנאַטאָר אָפּגענאַרט?

און ער האָט זיך געאיילט אָפּצוטראָגן די איבעריקע בריוו. דאָרט האָט אים אָבער אויך געטראָפן אַנטוישונג. איין בריוו איז

געווען אדרעסירט צו אַ מענטשן, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק געשטאָרבן; דער צווייטער בריוו איז געווען ניט פון גובערנאַטאָר אַליין, נאָר פון זיינעם אַן אַנגעשטעלטן.

דער באַאַמטער, וואָס האָט באַקומען דעם בריוו, דערזעענדיק די אונטערשריפט, איז געוואָרן מלא רציחה און האָט באַגעגנט פרענקלינען מיט אַזוינע ווערטער: — גיט איבער אייער באַקאַנטן, אַז איך וויל מיט אים קיין שום עסק ניט האָבן!

פרענקלינען איז אַלץ קלאָר געוואָרן. דער גובערנאַטאָר האָט אים לייכטזיניק צוגעזאָגט הרים וגבעות און קיין זאַך ניט אויסגעפירט. אַלע האָפענונגען האָבן געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז.

בען איז געבליבן אין אַן אַמבאַקאַנטן לאַנד, אין אַ פרעמדער שטאָט מיט זייער קליינע מיטלען צום לעבן. אַפילו צוריקפאָרן האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. די ערשטע צייט איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש און פשוט זיך קיין אָרט ניט געפונען. דערביי האָט אים נאָך געטראָפן נאָך אַ צרה. צוזאַמען מיט אים איז געקומען קיין לאָנדאָן זיינער אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, אַ טאַלענטפולער יונגער שרייבער—ראַלף. ראַלף האָט דערציילט פרענקלינען, אַז ער פאָרט קיין לאָנדאָן אַלס קאָמיסיאָנער און איז באַפולמעכטיקט פון אַ פירמע איינצוקויפן סחורות דירעקט פון די לאָנדאָנער פאַבריקן.

ביידע חברים האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין איין נומער פון האָטעל. אַז בען האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן, איז ער גלייך געלאָפן צום חבר, כדי צו דערציילן אים וועגן זיינע צרות. דערהערט די געשיכטע, איז דער חבר שרעקלעך בלייך געוואָרן, געכאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און גענומען שרייען: — וואָס האָב איך געטאָן? איך בין פאַרלאָרן!...

און ער איז געפאַלן אין חלשות.

פרענקלין האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט ראַלפן אָפּגעפּומפּטערט, גענומען אים פרעגן, וואָס מיט אים איז.

דער חבר האָט זיך דאַן מודה געווען, אַז ער איז גאָר קיין קאָמיסיאָנער ניט, אַז זיין גאַנצע האָפענונג איז געווען אויף בענען, און איצט איז ער געבליבן ווי אויפן וואַסער.

בען איז פון דער מעשה געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. ווי אַזוי אָבער קען מען האָבן טענות צו אַ מענטשן, וואָס איז פאַרצווייפלט? ראַלף האָט אַלץ געשריען, אַז ער וועט שטאַרבן פון הונגער. בען האָט נאָך אים געמוזט טרייסטן און דערמוטיקן.
טרייסטנדיק יענעם, האָט זיך בען אַליין דערפילט מונטערער. דאָך האָט ער יענע נאַכט בשום אופן ניט געקאָנט איינשלאָפן. אין קאָפּ ביי אים האָבן זיך אַרומגעדרייט זייער אומעטיקע געדאַנקען.

XIII.

אין דער לאָנדאָנער דרוקעריי. — דער שלימזל ראַלף.—די ערשטע ליי-ביבליאָטעק. — פרענקלין—אַ פאָרשטייער פון אַ האַנדלס-פירמע.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז שוין פרענקלין געגאַנגען זוכן אַרבעט אין אַ דרוקעריי. אויף די הילעס פון די ביכער, וואָס ער האָט געליינט, האָט ער פיל מאָל געזען די פאַמיליע פּאַלמער, דעם אַדרעס פון דער דאָזיקער דרוקעריי האָט ער גוט געדענקט. און אַהין איז ער דאָס קודם כל געגאַנגען זוכן אַרבעט.
געפינען אַן אָרט אין אַזאַ גראַנדיעזער שטאָט ווי לאָנדאָן איז געווען ניט פון די לייכטע זאַכן, בפרט נאָך פאַר אַ פרעמדן מענטשן.
איצט האָט ער זיך שוין ניט פאַרקוקט אויף די הויכע בנינים און געשעפטן. פרענקלין האָט זיך איצט געפילט שרעקלעך עלנט און פאַרלאָזן צווישן די פאַרנומענע מענטשן, וואָס האָבן אפילו ניט געוואָלט ענטפערן אויף זיינע פראַגעס. נאָך עטלעכע שעה גאַנג האָט ער ענדלעך געפונען פּאַלמערס דרוקעריי.
בענס ברודער דזשעמס, וואָס האָט זיך געלערנט דעם פאַך אין ענגלאַנד, האָט שוין געהאַט דערציילט בענען וועגן די ענגלישע דרוקערייען. אָבער דאָס, וואָס בען האָט דערזען מיט די

אייגענע אויגן, האָט ער זיך פריער גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

עטלעכע גרויסע ליכטיקע צימערן זיינען געווען פאַרנומען מיט קאַסטנס שריפט און מיט פרעסן. איבער 50 אַרבעטער זיינען געשטאַנען ביי דער אַרבעט.

בען איז אַריינגעקומען אין קאָנטאָר. דער פאַרוואַלטער האָט אויסגעהערט זיין ביטע און זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס אַן אַמעריקאַנער קומט נאָך אַרבעט קיין לאָנדאָן.

בען האָט אים אָפּן דערציילט, וואָס אים האָט געבראַכט קיין לאָנדאָן.

די דערציילונג האָט דעם פאַרוואַלטער שטאַרק פאַרינטערעסירט.

תיכף געבן אים אַרבעט האָט ער אָבער ניט געקענט. בען האָט געדאַרפט קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אַ תשובה.

— קיין אַרבעטער דאַרפן מיר איצט ניט — האָט דער פאַר־וואַלטער געזאָגט — נאָר אויב איר קענט גוט דעם פאַך, וועט איר געוויס קריגן אַרבעט. איין זאַך נאָר דאַרפט איר וויסן: אַ פּאָר טעג וועט אייך אויסקומען צו אַרבעטן אָן געלט אויף פּראָבע.

אַז בען איז אין עטלעכע טעג אַרום געקומען נאָך אַ תשובה, האָט מען אים פאָרגעלייגט די אַרבעט פון אַ דריקער. די אַרבעט איז געווען אַ ריין מעכאַנישע, ער האָט עס אָבער בלית ברירה אָנגענומען.

בען האָט באַמערקט, אַז די עלטערע אַרבעטער פירן אויס די אַרבעט פלינקער און געניטער פאַר אים. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געמיט זיי נאָכצוטאָן און נאָכצוהאַלטן און אין משך פון עטלעכע טעג דערגרייכט אַזוינע רעזולטאַטן, וואָס אַנדערע האָבן אויף דעם געפּטערט עטלעכע חדשים.

דער פאַרוואַלטער האָט גלייך דערזען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און האָט אים באַשטימט אַ גאַנץ פיינעם געהאַלט.

ווען בען וואָלט געווען אליין, וואָלט אים דאָס געהאַלט גע־קלעקט אויף אַלע זיינע הצטרכותן. ער האָט אָבער געמוזט אויסהאַלטן אויך ראַלפן און פאַר צווייען האָט שוין דאָס געהאַלט ניט געקלעקט.

ראַלף איז געווען אַ גאַנץ געבילדעטער טאַלענטפולער יונ־גערמאַן, נאָר אָן אַ פאַך, ניט צוגעגרייט צו קיין אַרבעט. ער האָט

געוואָלט ווערן אַן אַרטיסט. האָבן אָבער מבינים ניט געפונען ביי אים קיין אַרטיסטישע פייִקייטן. האָט ער געפּרוווט פּאָרלייגן אין פאַרשיידענע רעדאַקציעס זיינע לידער און אַרטיקלען. אין ערגעץ האָט מען זיי אָבער ניט אָנגענומען. בלית ברירה האָט ער שוין אפילו געפּרוווט זוכן אַ שטעלע פון אַ געוויינטלעכן איבערשרייבער. און אָויך ביי דעם האָט ער קיין דערפאָלג ניט געהאַט.

די לאַגע האָט ראַלפן שרעקלעך געפּייניקט. ער האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי פרענקלין האָרעוועט פאַר אים און האַלט אים אויס. ער האָט ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן און איינמאָל זיך אָנגערופן:

— גענוג! אַזאַ לעבן קען איך שוין מער ניט אַריבערטראָגן! איך פאָר אַוועק פון פאַרשאָלטענעם לאָנדאָן!

— וווהין? — איז בען געוואָרן אומרויִק.

— איך וועל אַוועקפאָרן אין אַ דאָרף, קריגן דאָרט עטלעכע שילער און עפענען אַ קנעלונג. און ווען זיך מיר דאָס אויך ניט איינגעבן, וועל איך ליבער אויסגיין פון הונגער ערגעץ אַגדערשווו, איידער הענגען ביי אַ חבר אויפן האַלדז.

בען האָט זיך באַמיט צו דערוויינזן ראַלפן, אַז אים איז גאָר ניט שווער אויסצוהעלפן אַ חבר אין אַ נויט. ער האָט אָבער אויך מסכים געווען מיטן געדאַנק, ראַלף זאָל פּרווון זוכן אַרבעט אויפן דאָרף.

ראַלף איז אָפּגעפאָרן אין אַ דאָרף און דער פּלאַן האָט זיך אים איינגעגעבן. ער איז געוואָרן אַ לערער און האָט ענדלעך גענומען פאַרדינען אויף דורכצולעבן.

פּטור געוואָרן פון אַזאַ שווערן יאָך, האָט בען ווידער אָנגעהויבן צו פירן זיין אַמאָליקן אַרט לעבן. אין דער פרייער צייט אָפּגעגעבן זיך מיט זעלבסטבילדונג.

אַ גרויסע זאָרג האָט ער געהאַט וועגן ביכער. צום גליק האָט זיך אים געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַקומען ביליגע ביכער.

אין דעם הויף, ווו ער האָט געוווינט, איז געווען אַ גרויסער בוך-געשעפט. פאַרבייגייענדיק די פענצטער, פלעגט זיך בען שטענדיק אָפּשטעלן קוקן אויף די אַרויסגעשטעלטע ביכער. די געמען

האָבן אים געלאָקט. ער האָט אָבער קיין געלט ניט געהאַט צו קויפן. ענדלעך איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מע קען אייגנט־לעך באַקומען ביכער נ י ט קויפנדיק זיי. נעמלעך — נעמען זיי נאָר אויף צום לייענען. אין יענער צייט זיינען נאָך קיין ליי־ביב־ליאָטעקן ווי איצט ניט געווען און דער געדאַנק איז געווען אַ ניי־ער. פרענקלין האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אַריין צום בוכ־הענדלער, דערציילט אים וועגן זיין ליבשאַפט צום לייענען, וועגן זיינע קליינע מיטלען און געמאַכט אים דעם פּאָו שלאָג — אַרויס־געבן אים ביכער אויף צו לייענען. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז פאַרן לייענען וועט ער באַצאָלן און די ביכער וועלן צוריק־געגעבן ווערן אין דער בעסטער אָרדנונג.

דער בוכהענדלער האָט אַפילו מורא געהאַט אָנצונעמען פרענקלינס פאָרשלאָג, דאָך האָט ער מסכים געווען צו מאַכן אַ פרווו.

פרענקלין האָט דעם פרווו אויסגעהאַלטן און פון יעמאָלט אָן האָט ער שוין געהאַט ביכער לרוב. פרענקלין האָט זיך דאָ באַ־קאָנט מיט די בעסטע ווערק פון דער אַלטער און נייער ליטעראַ־טור. כדי צו באַקענען זיך מיט די אַלע נייע ביכער, איז פרענק־לינען ווייניק געווען די פרייע צייט און ער האָט אָנגעהויבן צו זיצן איבער ביכער גאַנצע נעכט. עס מוז דערביי געזאָגט ווערן, אַז די שפע פון ביכער האָט ניט געענדערט בעגס אַרט לייענען: ווי שטענ־דיק האָט ער אַלץ געלייענט מיט ישוב־הדעת, ניט איילנדיק זיך, אַריינטראַכטנדיק זיך אינם געלייענטן, אָפטמאָל אויסגעשריבן ציּ־טאַטן, נאָטירט אייגענע באַמערקונגען.

אַ דאַנק דעם האָט ער גוט געדענקט דאָס געלייענטע און שטענדיק געקאָנט דאָס אויסנוצן.

איינמאָל האָט פרענקלין געזעצט אַ ווערק. דאָס ווערק האָט מען שוין געדרוקט צום צווייטן מאָל, ווייל עס האָט שטאַרק אויס־געגומען ביים עולם. פרענקלין האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיטן ווערק און האָט עס גענומען לייענען, איידער ער האָט עס אייסגעזעצט. וועלנדיק פאַרענדיקן לייענען דאָס בוך, איז ער איינמאָל פאַרבליבן אין דער דרוקעריי אויף אַ פּאָר שעה נאָך דער אַרבעט.

גייט גראָד אַריין דער באַלעבאָס און דערזעט, ווי דער זעצער איז פאַרטיפט איבערן בוך. פרעגט ער אים:

— איז טאַקע דאָס בוך זייער אינטערעסאַנט? איז עס טאַקע אַזוי קלאָר און דייטלעך אָנגעשריבן?

— דייטלעך יאָ — האָט פרענקלין געענטפערט — נאָר עס ווערן דאָרט געבראַכט פיל ניט קיין ריכטיקע פאַקטן.

דער באַלעבאָס האָט זיך פאַרוווּנדערט: אַ פּשוטער זעצער, וואָס איז געקומען פון די קאָלאָניעס, זאָגט אַרויס אַ פרייע מיינונג וועגן אַ בוך, וואָס אַלע לויבן.

— מסתמא האָט איר עס ניט גוט פאַרשטאַנען, דערפאַר געפעלט עס אייך ניט — האָט דער באַלעבאָס באַמערקט.

— קען זיין — האָט פרענקלין געענטפערט — נאָר אינגיכן וועל איך אָנשרייבן אַ גענויעם אַנאַליז פון דער ווערק און דאַן וועט מען זען, ווער עס איז גערעכט.

— כ'וואָלט דאָס וועלן זען — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט — אַז אייער ווערק וועט פאַרטיק ווערן, זאָלט איר מיר דאָס ווייזן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט פרענקלין צוגעטראָגן דעם באַלעבאָס אַ בראָשור מיטן נאָמען: „אַן אָפּהאַנדלונג וועגן פרייהייט און נויטווענדיקייט, וועגן פאַרגעניגן און ליידן".

די דאָזיקע בראָשור האָט בען אַליין אויסגעזעצט און אַרויסגעגעבן.

אין דער דאָזיקער בראָשור האָט ער פונאַנדערגעקליבן דאָס ווערק פון דעם באַוווּסטן מחבר און אָפּגעלייקנט יענעמס אַרויסגעזאָגטע מיינונגען.

איבערלייענענדיק די בראָשור, האָט דער באַלעבאָס דערזען, אַז דער זעצער זיינער איז זייער אַן אַנטוויקלטער מענטש און אַ טאַלאַנטפולער שרייבער.

פון יעמאָלט אָן האָט ער שוין אָפט געשמועסט מיט אים וועגן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע פראַגן.

פרענקלינס בראָשור האָט זיך פאַרשפרייט צווישן עולם און איז דעם עולם געפעלן געוואָרן. פרענקלינס נאָמען האָט מען גענומען דערמאָנען אין די צייטונגען.

יונגע שרייבער האָבן גענומען זוכן אַ געלעגנהייט מיט אים זיך צו באַקאָנען. מיט דער צייט איז ער דאָ, אַזוי ווי אין פילאַדעלפיע, אויך אריין אין אַ קרייז פון געבילדעטע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און אָפט געשמועסט וועגן געלייענטע ביכער.

פון די חברים־אַרבעטער איז פרענקלין די ערשטע צייט געשטאַנען אָ זאַ זייט.

פון קינדווייז אָן איז ער געווינט געווען צו אַ מעסיקן לעבן, האָט שטענדיק ווייניק געגעסן, ניט געטרונקען קיין אַנדערע געטראַנקען חוץ וואַסער, ניט באַזוכט קיין טראַקטירן.

דער עולם אַרבעטער האָט ליב געהאַט דעם טרונק, פלעגט פאַרברענגען די פרייע צייט אין טראַקטירן, און די הוליאַנקעס פלעגן זיך אָפטמאָל ענדיקן מיט געשלעגן.

פרענקלינען איז אַזאַ אַרט לעבן געווען דערווידער.

פרענקלין האָט אַפילו געפרווט פריידיקן צווישן די אַרבעטער, זיי זאָלן אויפהערן צו טרינקען, אויסגעבן געלט אויף סמזיינע ווערטער האָבן אָבער קיין ווירקונג ניט געהאַט. דער עולם האָט אים אויסגעלאַכט, ווייל ער איז געווען איינער.

מיט דער צייט אָבער האָבן אייניקע חברים געפרווט נאָכטאָן זיין ביישפיל און האָבן זיך דערעפילט גליקלעך. זיין ווירקונג איז געוואַקסן און די אַרבעטער האָבן זיך וואָס ווייטער באַצויגן צו אים אַלץ מיט מער דרך ארץ.

מער ווי אַ יאָר האָט שוין פרענקלין פאַרבראַכט אין לאָנדאָן און אָפטלאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַהיים וועט ער זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן. ער האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט ניט שלעכט: די צייט פלעגט אַוועקגיין אומבאַמערקט: אין אַרבעטן, אין לייענען און שרייבן.

ער האָט זיך געפילט מונטער, האָט זיך באַקאָנט מיט מענטשן פון פאַרשיידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט.

אויסער דעם אַרבעטער־קרייז און דעם קרייז פון די יונגע ליטעראַטן האָט ער זיך נאָך באַקאָנט מיט אייניקע רייכע לאָרדן. די לאָרדן האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך, כּדי אויסצוהערן

זיינע דערציילונגען וועגן די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט אייניקע פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אים דערלויבט צו באַטראַכטן זייערע פאַבריקן, שטודירן פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען, וואָס זיינען פאַר די קאָלאָניעס געווען אומבאַקאַנט. ער איז אַריין אין פאַרבינדונגען מיט סוחרים, וואָס האָבן געהאָפט מיט זיין הילף אויסצוברענגען זייערע סחורות אין ניי-ענגלאַנד.

איינמאָל רופט זיך אָפּ צו אים אַ סוחר:

— איר וואָלט חשק געהאַט איצט אונטערצופאָרן אַ היים קיין פילאַדעלפיע?

—גאַנץ באַשטימט—האָט פרענקלין געענטפערט—נאָר איך גלויב ניט, עס זאָל זיך מיר ווען איינגעבן. ס'דאַרף קאָסטן אַן אייגנס!

—איך וואָלט אייך אויסגעהאָלפן—האָט דער סוחר געענטפערט—מיר ווילט זיך עפענען אַן אָפּטיילונג פון מיין געשעפט אין פילאַדעלפיע. קומט אָן צו מיר אויף אַ שטעלע, וועל איך אייך אַהין שיקן. איר וועט מיר נאָר אָנווייזן, אין וואָס פאַר אַ סחורות די קאָלאָניעס נויטיקן זיך און ס'וועט אַוועק אַ געשעפט.

פרענקלין האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. פריידיק האָט ביי אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ ביים געדאַנק, אַז ער פאָרט צוריק אַהיים: צו טאַטע-מאַמע, צו די אַלטע פריינד און באַקאַנטע.

ער האָט זיך אַנטזאָגט פון דער אַרבעט אין דער דרוקעריי און גענומען זיך צו דער נייער אַרבעט.

אונטער זיין אויפזיכט האָט מען פאַרפּאַקט אַ לאַגער פון פאַרשיידענע סחורות אין פעק, אָנגעלאָדן זיי אויף שיפן און אַוועקגעשיקט קיין פילאַדעלפיע.

נאָך צוויי יאָר אָפּוועזנהייט האָט זיך פרענקלין צוריקגעקערט קיין פילאַדעלפיע.

XIV.

ווידער אין פילאַדעלפיע. — אויפן נייעם אַמט. — צוריק אַן וואַרבעטער. די בילדונגס-געזעלשאַפט. — פרענקלין פאַרלירט די אַר-בעט. — צוריק אויף דער שטעלע.

דער פריערדיקער באַלעבאָס האָט פאָרגעלייגט פרענקלינען צו ווערן פאַרוואַלטער פון זיין דרוקערײַ. פרענקלין האָט אים דערציילט, אַז ער איז שוין אויס דרוקער. אַז ער איז איצט געקומען קיין פילאַדעלפיע אַלס פאָרשטייער פון אַ לאָנדאָנער פירמע, וואָס עפנט אין פילאַדעלפיע אַ גרויסן געשעפט.

און דאָס געשעפט האָט זיך טאַקע אינגיכן געעפנט אויף איינער פון די הויפּט-גאַסן. די געבראַכטע סחורות האָבן ביים עולם שטאַרק אויסגענומען און דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. ווי צו אַלע אַרבעטן, צו וועלכע ער פלעגט זיך נעמען, האָט זיך פרענקלין אויך צום געשעפט איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער ענערגיע. דער באַלעבאָס האָט דאָס אָפּגעשאַצט און געגעבן אים אַ טייל פון ריוח, באַצויגן זיך צו אים, ווי צו אַן אייגענעם זון.

ביידן האָט זיך געלעבט זייער גוט. פלוצלונג אָבער האָט מיט זיי פּאַסירט אַן אומגליק. זיי זיינען ביידע קראַנק געוואָרן.

דער ערשטער האָט זיך אַוועקגעלייגט פרענקלין. ער האָט שוין געהאַלטן זייער שמאָל, געווען שוין אויף אַ האָר פון טויט, נאָר דער יונגער געזונטער אָרגאַניזם האָט מנצח געווען די קראַנקייט.

נאָך פרענקלינען איז קראַנק געוואָרן דער באַלעבאָס. ער האָט די קראַנקייט ניט אריבערגעטראָגן און איז באַלד געשטאָרבן.

דער טויט איז געקומען אַזוי גיך, אַז דער באַלעבאָס האָט

ניט באַוויזן אָפּצושרייבן פאַר פרענקלינען לויטן צוזאָג אַ טייל פון זיין פאַרמעגן.

די יורשים האָבן ליקווידירט דאָס געשעפט און פרענקלין איז געבליבן אָן אַ שטעלע און אָן מיטלען.

ווידער איז אויסגעקומען זיך צו נעמען צו דרוקעריי...

קייספער האָט פאַר דער צייט געעפנט אַ געשעפט און האָט זייער גערן איבערגעגעבן פרענקלינען די אָנפירונג מיט דער דרוקעריי. ער האָט אים באַשטימט אַ גאַנץ שיינעם געהאַלט, נאָר אויסגענומען ביי אים אַ תנאַי אויסצולערנען די אַרבעט דריי שילער.

פרענקלין האָט אָנגענומען דעם תנאַי, האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט חשק און די שילער האָבן ביי אים אין אַ קורצער צייט געמאַכט גוטע פּעולות.

פאַר זיך האָט ער איצט געהאַט פיל מער צייט ווי אין געשעפט און האָט זיך ווידער גענומען צום לייענען, האָט ווידער פאַרבונדן די באַציִונגען מיט זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע.

צווישן זיינע באַקאַנטע זיינען געווען עטלעכע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך זייער אינטערעסירט מיט פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע פראַגן.

אַלע האָבן דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט אין וואַרשטאַטן און קאַנטאָרן און די אָוונטן פאַרבראַכט איבער ביכער. פרענקלינען איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז פאַר אַלעמען וואָלט געווען זייער נוצלעך און אָנגענעם, ווען זיי וואָלטן אַרבעטן ניט יעדערער באַזונדער, נאָר צוזאַמען, טיילן זיך מיט די ידיעות. ער האָט זיי דעריבער פאָרגעלייגט איינצואָרדנען וועכנטלעכע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע זיי זאָלן באַטראַכטן די פראַגן, וואָס וועלן אַלעמען אינטערעסירן.

די יונגע לייט האָבן מיט פרייד אָנגענומען זיין פאָרשלאָג.

דעם ערשטן שבת איז מען זיך שוין צונויפגעקומען ביי פרענקלינען אין צימער און באַשלאָסן צו גרינדן אַ געזעלשאַפט. יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט האָט געדאַרפט פייערלעך מעלדן, אַז ער באַציט זיך מיט גרויס ליבשאַפט ווי צו די מיטגלידער פון דער גע-

זעלשאַפט, אַזוי אויך צו אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון גלויבן און בילדונג, אַז ער שטרעבט צו דערגרייכן דעם אמת און איז גרייט מיט אַלעמען זיך צו טיילן מיט זיינע ידיעות.

אַלע וואָך פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען. יעדער מיטגליד פלעגט פאָרלייגן צו באַטראַכטן אַ וועלכע ס'איז פראַגע צו דער אַלגעמיינער באַהאַנדלונג. אין משך פון דער וואָך פלעגן אַלע שטודירן, לייענען די ביכער, וואָס האָבן געקאָנט מיטהעלפן די פראַגע צו לייזן, און אויף איבעראַכטאָג טיילן זיך מיט די חברים מיט די דערוואָרבענע ידיעות.

די ערשטע צייט איז די געזעלשאַפט באַשטאַנען פון 12 מיטגלידער, אַלע אַרבעטער.

די פראַגן, וואָס פלעגן באַהאַנדלט ווערן, זיינען געווען זייער פאַרשיידנאַרטיק. למשל: וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קלאַנג? פאַרוואָס זיינען די גלענצנסטע און די געבילדעטסטע מענטשן ניט אַלעמאָל די גליקלעכסטע? פאַרוואָס הייבט זיך אינדערהויך דער שפּיץ פונם פלאַם? וואָס איז ווייניקער פאַרברעכעריש: שלעכטע מעשים ביי גוטע כוונות אָדער גוטע מעשים ביי שלעכטע כוונות א. א. וו.

אויף צו באַטראַכטן די פראַגן פלעגט אויסקומען פיל צו לייענען און צו טראַכטן. די מיטגלידער האָבן זיך אָבער אָפּגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש, געהאַט אמת הנאה, ווען עס פלעגט זיך זיי איינגעבן קלאָר און דייטלעך אויסצודריקן אַ געדאַנק, באַקומען נייע ידיעות.

פרענקלין איז געווען דער טיכטיקסטער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט און האָט אָפּגעגעבן דער אַרבעט אַ סך צייט און מי.

דערווייל האָבן זיך די באַציִונגען צווישן אים און דעם באַלעבאָס פאַרערגערט. דער באַלעבאָס האָט זיך פון העלער הויט גענומען טשעפּען צו אים און ענדלעך אָפּגענומען ביי אים ⅓ פון געהאַלט.

איינמאָל האָט ער זיך אַפילו דערלויבט צו מאַכן פרענקלינען אַזאַ באַמערקונג:

— אויב איר וועט ניט טאָן, וואָס איך הייס אייך, וועל איך אייך אין אַ חודש אַרום אַנטזאָגן!

פרענקלין איז געוואָרן אַן אַנגעצונדענער.

— אויב אַזוי—האָט ער געענטפערט — וועל איך בעסער שוין אַוועקגיין.

און ער איז תיכּף אַוועק, בעטנדיק איינעם פון די חברים, ער זאָל אים אָפּטראָגן זיינע זאַכן.

באַטראַכטנדיק גוט די לאַגע, האָט פרענקלין ערשט רעכט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער באַלעבאָס האָט דאָס אים אויסגענוצט, ביז וואַנען ער האָט אויסגעלערנט די מלאָכה די 3 שילער. איצט, ווען זיי קענען שוין גוט אַרבעטן, דאַרף ער אים שוין ניט האָבן ווען ער שוין האָבן ביליגע אַרבעטער.

פרענקלין איז געווען זייער אויפגערעגט, וואָס מע האָט אים אַזוי אויסגענוצט און צום סוף אַרויסגעוואָרפן!...

ער האָט זיך אָבער ניט געהאַט ווי צו העלפן.

באַלד האָט אים איינער פון די שילער געבראַכט די זאַכן. דערזעענדיק, אַז פרענקלין איז זייער פאַרדאגהט, האָט אים דער שילער גענומען באַרויקן:

— זאָרגט ניט, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מאַכן אייך אַ פאָרשלאָג, אויב איר וועט דערלויבן.

— איר קענט מאַכן, איך בין שוין אַ פרייער מענטש — האָט פרענקלין געענטפערט.

— דער פאָרשלאָג איז — האָט דער שילער גענומען ריידן — מיר זאָלן צוזאַמען עפענען אַן אייגענע דרוקעריי.

— ס'איז גרינג צו זאָגן — האָט פרענקלין באַמערקט — אָבער צו אַזאַ פאָרשלאָג דאַרף מען האָבן געלט. איך האָב קיין געלט ניט און איר, דאַכט זיך,—אויך ניט.

— איך האָב טאַקע ניט—האָט דער שילער דערקלערט— נאָר דער פאָטער מיינער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן, אַז איך וועל זיך אויסלערנען די אַרבעט.

פרענקלין האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און צוגעזאָגט איבערצורײדן מיטן שילערס פאָטער.

תיכּף האָט זיך צו אים צוריקגעקערט די ענערגיע און אויף מאָרגן האָט ער שוין געהאַט אַ שמועס מיטן געלטגעבער.

דעם שילערס פאָטער האָט שוין פון פריער געהערט וועגן פרענקלינען און האָט גלייך מסכּים געווען צו נעמען אים פאַר אַ קאָמפּאַניאָן.

מע האָט אַלץ גענוי באַטראַכט און באַשלאָסן תיכּף אויסצושרייבן פון ענגלאַנד אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק פאַר אַ גוט אויסגעשטעלטער דרוקעריי.

ביי די דאַמאָלסדיקע פאַרבינדונגען האָבן די שריפטן געקאָנט אָנקומען קיין פילאַדעלפיע ערשט אין אַ 6—8 חדשים אַרום און פרענקלין האָט באַשלאָסן דידאָזיקע צייט צו פאַרברענגען אין באָסטאָן ביי די עלטערן.

ער האָט זיך שוין גענומען גרייטן אין וועג אַריין. פּלוצלונג ברענגט מען אים אַ בריוו פון באַלעבאָס מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„טייערער הער! עס איז זייער נאַריש, אַז צווייען אַלטע פריינד ווי מיר מיט אייך זאָלן זיך פונאַנדערגיין צוליב עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין אַ מינוט פון כּעס. איך האַלט זיך פאַר שולדיק און בעט ביי אייך מחילה. איך לייג אייך פאָר ווידער צו ווערן פאַרוואַלטער פון מיין דרוקעריי אויף די פריערדיקע באַדינגונגען. איך האָב אסך אַרבעט. זייט ניט אין כּעס. קומט אַריין און מיר וועלן ווי פריער אַרבעטן צוזאַמען".

וואָס זאָל דאָס באַדייטן?—האָט פרענקלין פאַרווונדערט געפרעגט, ווייזנדיק דעם בריוו זיין קינפטיקן קאָמפּאַניאָן.

— גאַנץ איינפאַך! — האָט לאַכנדיק געענטפערט דער קאָמפּאַניאָן — די קאָלאָניע ניו־דזשערסיי לאָזט אַרויס נייע אַסיגנאַציעס פון אַ נייעם מוסטער. קייספּער וויל באַקומען די באַשטעלונג און ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אָן אייך וועט דאָס קיינער ניט אויספירן!

— איך וועל שוין פאַר קיין פאַל צו אים מער ניט גיין!— האָט פרענקלין אויסגעשריען.

— און מיין עצה וואָלט געווען—האָט זיך אָפּגערופן דער קאָמפּאַניאָן—איר זאָלט יאָ גיין—צוליב אייערע און מיינע אינטערעסן.

פרענקלין האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— פאַרשטייט איר מיך — האָט יענער גענומען דער־קלערן — ווען איר אַרבעט ביי קייספערן נאָך עטלעכע חדשים, וואָלט איך זיך פיל צוגעלערנט און וואָלט שפּעטער בעסער גע־טויגט צו אונדזער געשעפט... דערביי דאַרפט איר אויך ניט פאַר־געסן, אַז דרוקן אַסיגנאַציעס איז ניט קיין קלייניקייט. אַלע וועלן דאַן וויסן, אַז איר זייט דער גאַנצער אויספירער און מיר וועלן שפּעטער אויך באַקומען אַזעלכע באַשטעלונגען.

פרענקלין האָט איינגעפונען, אַז די טענות פון זיין שותף זיינען גערעכטע און ער האָט איינגעשטימט ווידער צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט ביי קייספערן, הגם דאָס האַרץ ביי אים איז גע־ווען צעקאָכט.

דער שותף האָט געזאָגט ריכטיק. די קאָלאָניע ניו־דזשער־סיי האָט טאַקע געזוכט, וועמען איבערצוגעבן די באַשטעלונג פון דרוקן נייע אַסיגנאַציעס און קייספער האָט אָן פרענקלינען די זאַך ניט געקענט אויספירן. כדי אויסצופירן די אַרבעט, האָט מען גע־מוזט האָבן אַ געניטן גראַווירער, וואָס זאָל אויסגראַווירן אַ קלישע מיט קונציטע קאָמבינאַציעס, עס זאָל שווער זיין די אַסיגנאַציעס נאָכצומאַכן.

פרענקלין האָט גוט געקאָנט די קונסט פון גראַווירעריי, און נאָך אַזאַ גוטער פאַכמאַן ווי ער איז דאַן אין אַמעריקע ניט געווען בנמצא.

די אַרבעט האָט פרענקלינען שטאַרק פאַראינטערעסירט און ער האָט זי אויסגעפירט אַזוי קונציק, אַז אַלע, וואָס האָבן דער־זען זיין קלישע, זיינען אַנטציקט געוואָרן פון זיין קונסט.

געדרוקט האָבן זיך די אַסיגנאַציעס אין דער הויפּטשטאָט פון ניו־דזשערסיי — בורלינגסטאָן — פאַר די אויגן פון דער מלוכישער פינאַנץ־קאָמיסיע.

צוליב דעם צוועק זיינען קייספער מיט פרענקלינען ספּע־ציעל אַהין געפאָרן.

ביי דער אויספירונג פון דער אַרבעט האָבן אַלע מיטגלי־דער פון דער קאָמיסיע דערזען, אַז דער גאַנצער טוער און אויפ־

טוער איז פרענקלין, און דערביער וועגן אַלע ענינים געהאַט צו טאָן נאָר מיט פרענקלינען.

אייניקע מיטגלידער האָבן אַפילו געזאָגט צו פרענקלינען:

— אייער באַלעבאָס, ווי מיר זעען, פאַרשטייט גאָרניט אין דעם. וואָס דאַרפט איר אים האָבן? עפנט אַן אייגענע דרוקעריי, וועט איר מאַכן בעסער. מיר וועלן אייך אויך צושיקן אונדזערע באַשטעלונגען.

XV.

די נייע דרוקעריי. — פרענקלין גיט ווידער אַרויס אַן אייגענע צייטונג. — די פרוי — זיין מיטהעלפערין.—דער לוח פון גוטן ריטשאַרד— די זעונג מיט די נאָענטע.-די ברידער זיינען גוטפריינד געוואָרן.

אין פרילינג פון יאָר 1728 האָט זיך אין פילאַדעלפיע געעפנט אַ נייע דרוקעריי פון פרענקלין און מערידיט.

— שוין די דריטע דרוקעריין.. — האָבן זיך געוווּנדערט די איינוווינער — ווו וועט קלעקן אַרבעט פאַר אַלעמען?

פרענקלין איז אָבער געווען פול מיט האָפענונגען. ער האָט באַשלאָסן אָנצוווענדן זיין גאַנצע ענערגיע, כדי אוועקצושטעלן זיין דרוקעריי בעסער פאַר אַנדערע און דערגרייכן דעם געגאַרטן דער־פאָלג.

ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט אין פילאַ־דעלפיע. אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פּינקטלעכן, אַרבעטזאַ־מען בעל־מלאָכה, וואָס איז אַ קינסטלער אין זיין פאַך, און מע האָט אים כסדר רעקאָמענדירט אַלץ נייע באַשטעלונגען. די באַשטעלונ־גען זיינען נאָך אָבער געווען קליינע און פרנסה פון זיי איז גע־

וועגן ווייניק. דער שותף האָט גלייך געוואָלט פאַרדינען פעט און פלעגט זיך כסדר באַקלאָגן. פרענקלין פלעגט אים באַרויִקן:

— וואַרט, מערידיט, מיטאַמאָל קען מען ניט כאַפּן, ביס־לעכווייז, וועט איר זען, וועלן מיר זיך איינשאַפן אַ נאָמען.

און פרענקלין האָט וועגן דעם טאַקע געזאָרגט.

די קלענסטע און איינפאַכסטע באַשטעלונג פלעגט ער אויס־פירן וואָס שענער און פּינקטלעכער, געשטרעבט וואָס בעסער אַלעמען צופרידן צו שטעלן.

קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט צו שווער און צו נידעריק געווען. אָפטמאָל האָט ער אַליין געוואַשן די דילן אין וואַרשטאַט, געבראַכט פּאַפּיר פון סקלאַד, אָפּגעטראָגן אַרבעט צו באַשטעלער.

ס'איז געווען אַ געשעפט, וואָס האָט די ערשטע צייט געגעבן זייער ווייניק ריווח.

פרענקלין האָט געפירט אַ באַשיידענעם לעבן און פאַר אים האָט געקלעקט. דער שותף זיינער האָט זיך ניט צופרידן געשטעלט מיט אַזאַ אַרט לעבן.

— וואָס? — האָט ער געטענהט — אַ גאַנצע וואָך האָרעווען און אין אַ יום־טוב ניט קענען אַ ביסל אַ הוליע טאָן? דאָס איז קיין עסק ניט!...

און ער האָט זיך דערלויבט ניט לויט די מיגלעכקייטן!

כדי צו פאַריכטן די געשעפטן, האָט פרענקלין באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג.

אין פילאַדעלפיע זיינען שוין אַפילו אַרויסגעגאַנגען 2 צייִ־טונגען, נאָר זיי זיינען געווען זייער פּוסטע, האָבן דעם עולם גאָרניט געגעבן. אַרויסגעבן אַ דריטע צייטונג איז אַפילו געווען אַ ריזיקאַלישע זאַך. נאָר פרענקלין האָט געהאָפט, אַז זיין צייטונג וועט זיין בעסער פאַר די איבעריקע און וועט האָבן מער דערפאָלג.

נאָך איידער ער איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען אין איינער פון די צייטונגען. זיינע אַרטיקלען זיינען געווען געווענדעט הויפּטזעכלעך קעגן דער צווייטער צייטונג און האָבן ביים עולם שטאַרק אויס־גענומען.

די צווייטע צייטונג האָט זיך קוים געהאַלטן.

איינמאָל איז דער אַרויסגעבער פון דערדאָזיקער צייטונג, פרענקלינס פריערדיקער באַלעבאָס מיסטער קייספּער, געקומען צו פרענקלינען און פאָרגעלייגט אים די צייטונג אָפּצוקויפן.

פרענקלין האָט זיך מישב געווען מיט זיין שותף און זיי האָבן געמאַכט דאָס געשעפט.

אַ באַקאַנטער פּאַפּיר-הענדלער האָט געגעבן פרענקלינען פּאַפּיר אויף קרעדיט און ער האָט זיך גענומען, ווי אַמאָל אין באָסטאָן, אַליין שרייבן, אַליין זעצן, אַליין דרוקן און אַליין פונאַנ-דערטראָגן די אייגענע צייטונג.

ער איז צוגעטראָטן צו דער זאַך מיט אַ ברען, ווייל ער האָט אין דערדאָזיקער צייטונג געקאָנט שרייבן, וואָס און ווי ער האָט געוואָלט.

פרענקלינס איצטיקע „פּענסילוואַנער צייטונג" האָט אויסגע-זען גאָר אַנדערש ווי זיין „באָסטאָנער ניי-ענגלישע נאַכריכטן". דאָ זיינען ניט געווען קיין גראָבע וויצן, קיין אָנפאַלן אויף פּערזאָנען. די צייטונג איז געווען אַן ערנסטערע, האָט געטראָגן אַ מער פּאָלי-טישן כאַראַקטער און עס האָבן זיך דאָרט הויפּטזעכלעך באַהאַנדלט פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אָנפירונג און צום ווילשטאַנד פון די קאָלאָניעס.

אין איין זאַך זיינען ביידע צייטונגען געווען ענלעך: זיי האָבן גלייך פאַרטיידיקט די פרייהייט פון די קאָלאָניעס, זיך קעגנגעשטעלט יעדן פּרווו פון דער ענגלישער מאַכט צו שטערן די פרייהייט פון די קאָלאָניסטן.

פרענקלין האָט גוט אַכטונג געגעבן אויף אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט ניט נאָר אין פּענסילוואַניע, נייערט אויך אין מאַסאַטשו-זעטס און אין אַנדערע קאָלאָניעס. ביי יעדן קאָנפליקט צווישן גו-בערנאַטאָר מיט די אויסדערוויילטע פאָלקס-דעפּוטאַטן פלעגט ער אַלעמאָל זיין אויפן צד פון די לעצטע.

זיין צייטונג האָט מען גלייך אָנערקענט.

מע האָט זי געלייענט ניט נאָר אין פילאַדעלפיע, נייערט אויך אין אַנדערע לענדער.

פרענקלינס נאָמען איז געוואָרן באַוווּסט איבערן גאַנצן לאַנד.

אַרבעט האָט פרענקלין געהאַט איבערן קאָפּ.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן און געשריבן אַרטיקלען, אויף מאָרגן — געבראַכט זיי אין דרוקעריי; דאָרט געשטאַנעןביים קאַסטן ווי אַן איינפאַכער אַרבעטער.

און אַלץ געטאָןהאָט ער מיט פלייס און מיט ברען.

מיטן אַרויסגעבן די צייטונג האָט זיך די אַרבעט אין דער דרוקעריי באַדייטנד פאַרגרעסערט. פרענקלין איז געווען דערפון צופרידן ביז גאָר.

דעם שותף זיינעם האָט אָבער דערעסן צו שטיין גאַנצע טעג ביים קאַסטן. אים האָט בכלל דערעסן דאָס לעבן אין שטאָט און ס'האָט אים געצויגן אין דאָרף אַריין.

ענדלעך האָט ער געמאָלדן פרענקלינען, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ פאַרמער.

— און די דרוקעריי? — האָט זיך פרענקלין פאַרווונדערט אויף אַזאַ באַציונג.

— די דרוקעריי וועט פרענקלין אָפּקויפן.

— פרענקלין וואָלט דאָס אפשר געוואָלט, נאָר ער האָט אויף דעם קיין געלט ניט.

— מע וועט דורכקומען... איר וועט מיר מיין חלק אויסצאָלן ביסלעכווייז — האָט דער שותף פאָרגעשאָגן.

פרענקלין האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און אין יאָר 1729 איז די דרוקעריי מיט דער צייטונג אַריבער אינגאַנצן צו אים.

ער האָט גענומען אַ פּאָר מענטשן און די דרוקעריי איז וואָס ווייטער אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

פרענקלינס פריערדיקער באַלעבאָס מיסטער קייספער האָט געפּרוווט אים באַקעמפן מיט פאַרשיידענע מיטלען, ער האָט אָבער גאָרניט דערגרייכט און אַליין געמוזט אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, ווו ער האָט ניט געהאַט אַזאַ קאָנקורענט ווי פרענקלין.

נאָך זיין אַרויספאָר האָט זיך די צאָל באַשטעלער אין

פרענקלינס דרוקעריי נאָך מער פאַרגרעסערט. אַלע רעגירונגס־אַרבעטן זיינען אַריבער צו אים.

אין יענער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער מיס ריד.

ער האָט ניט צוגעזאָגט זיין קינפטיקער פרוי קיין רייכן לוקסוספולן לעבן. ער האָט זי איינגעלאַדן צו אַ געמיינזאַמער אַר־בעט, כדי צו באַזאָרגן זיך דאָס אויסקומעניש און ברענגען וואָס מער נוצן דער געזעלשאַפט. זיין פרוי דעבאָרע האָט פאַרשטאַנען די שטרעבונגען פון איר מאַן. זי האָט אויך ניט געחלומט פון אַ רייכן פוסטן לעבן. זי איז גרייט געווען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אים און איז מיט דער צייט געוואָרן אַן איבערגעגעבענע נוצלעכע מיטהעלפערין אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען.

נאָך דער חתונה האָט פרענקלין נאָך מער פאַרברייטערט זיין טעטיקייט.

אין פילאַדעלפיע איז ניט געווען קיין גוטער ביכער־לאַגער, קיין איין ביבליאָטעק. אַלע ביכער פלעגט מען דאַרפן אויסשרייבן פון ענגלאַנד און וואַרטן אַ האַלב יאָר צייט, ביז וואַנען זיי פלעגן אָנקומען.

פרענקלין האָט געעפנט ביי זיך אין דרוקעריי אַ ביכערלאַ־גער, פריער אַ באַשיידענעם, נאָכער—אים וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרברייטערט.

ער האָט אויך צוגערעדט עטלעכע רייכע סוחרים צו עפע־נען אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק.

די גרינדער האָבן אַריינגעטראָגן פאַיען צו 25 דאָלאַר און די נויטיקע סומע איז גיך געשאַפן געוואָרן.

אויף דעם געלט האָט מען אויסגעשריבן פון ענגלאַנד פיל אינטערעסאַנטע ביכער און דער ברייטער עולם האָט פאַר אַ קליי־נעם געצאָלט געקאָנט באַקומען זיי צום לייענען. דאָס לייען־געלט איז געגאַנגען אויף צו קויפן נייע ביכער.

בעלנים אויף צו לייענען איז געווען זייער אַ סך און די ביבליאָטעק האָט זיך גיך גענומען פאַרברייטערן.

לויט דעם ביישפּיל האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפענען ביבלי־אָטעקן אויך אין אַנדערע שטעט.

פרענקלינס צייטונג איז אַוועק זייער גוט. חוץ אַלגעמיינע פראַגן האָט ער אין זיין צייטונג באַריירט אויך אַלע אָרטיקע פראַגן באַזונדערס — ווי אַזוי בעסער איינצואָרדנען דאָס שטאָטישע לעבן.

אין יענער צייט איז נאָך פילאַדעלפיע, ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט,ענלעך געווען אויף אַ גרויסן דאָרף.

די ברייטע גאַסן זיינען סיי זומער סיי ווינטער פול געווען מיט שמוץ.

ביינאַכט האָבן די באַלעבאַטים פון די הייזער געדאַרפט דעזשורען אויף די גאַסן, פאַרהיטן די איינוווינער פון גנבות און אָנפאַלן. אַזוי ווי די פליכט איז געווען זייער אַ שווערע, פלעגן די באַלעבאַטים שטרעבן פון איר זיך צו באַפרייען, דאָס רוב אויף ניט קיין כשרן אופן, נעמלעך: דורך אונטערקויפן די באַאַמטע.

אַזוי אַרום פלעגן אָפט פאָרקומען גרויסע גנבות און רויבערייען.

פרענקלין איז אין זיין צייטונג שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די באַלעבאַטים, פאָרגעשלאָגן, די מאַכט זאָל אויף זיי גוט אַכטונג געבן.

אין דער צייט פון אַ שרפה פלעגן דאַן אָפּברענען גאַנצע קוואַרטאַלן, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין פייערלעשער.

פרענקלין איז אין זיין צייטונג אַרויסגעטראָטן קעגן אַזעלכע אומאָרדנונגען און אַ דאַנק זיינע אַרטיקלען האָבן זיך געגרינדעט עטלעכע פרייוויליקע פייערלעשער-אָפּטיילונגען.

אַ דאַנק אים האָבן זיך באַוויזן טראָטואַרן און לאַמטערנעס אין די גאַסן.

ניט באַנוגענענדיק זיך מיט דער צייטונג, האָט פרענקלין פון יאָר 1732 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ לוח אונטערן נאָמען „דער גוטער ריטשאַרד".

דער לוח איז באַשטימט געוואָרן הויפּטזעכלעך פאַר די דאָרפסלייט, פאַר די, וואָס האָבן נאָך ניט געקאָנט פאַרשטיין אַ צייטונג.

אין דעם לוח זיינען געווען פיל אַרטיקלען, געשריבן מיט אַ פּשוטער פאַרשטענדלעכער שפּראַך. אין די אַרטיקלען האָט זיך גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי בעסער צו באַאַרבעטן די ערד, ווי

אזוי צו האָדעווען שטובּיקע עופות און בהמות, ווי אַזוי זיך צו העלפן און פאַרהיטן פון פאַרשיידענע קראַנקייטן און אומגליקס־פאַלן, ווי אַזוי בעסער און געזינטער זיך איינצואָרדנען דאָס לעבן.

דער לוח איז אַרויסגעגעבן געוואָרן זייער שיין און האָט געקאָסט ביליג.

ער איז זיך אזוי גוט פונאַנדערגעגאַנגען, אַז פרענקלין האָט אין איין חודש געמוזט אַרויסגעבן 3 אויפלאַגעס.

אין דעם לוח האָט פרענקלין אָפּגעדרוקט אַ גרויסע צאָל פון זיינע ווערטלעך און שפּריכווערטער. דידאָזיקע ווערטלעך זיינען אַלעמען שטאַרק געפעלן געוואָרן און אַלע האָבן זיי כסדר איבערגעחזרט.

פיל פון פרענקלינס אַפאָריזמען זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן ווי פאָלקס־ווערטלעך. אַזוי למשל: „ליידיקגעריי איז ווי ראָסט: עס צעפרעסט דעם מענטשן"; „עס בלישטשעט דער שליסל, וואָס ווערט אָפט געניצט"; דער בעל־גאוה עסט פרישטיק אין לוקסוס, מיטאָג אין אָרעמקייט און וועטשערע אין שאַנדע; אויפהאַלטן אין זיך איין חסרון קאָסט טייערער, ווי אויסהאַלטן צוויי קינדער; לעקציעס פון דערפאַרונג קאָסטן טייער, נאָר דער נאַר וועט זיך אָן זיי ניט אויסלערנען"; פוילקייט באַוועגט זיך אַזוי לאַנגזאַם, אַז די אָרעמקייט דעריאָגט זי א. א. וו.

כדי וואָס מער צו פאַרשפּרייטן זיינע לוחות, האָט פרענקלין אָנגעהויבן אויסצובייטן זיי אויף פאַרשיידענע סחורות, אפילו אויף איינפאַכע שמאַטעס.

פיל האָבן געלאַכט פון אים. וואָס טוט ער? בייט אויס גוטע ביכער אויף שמאַטעס!..

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, וואָס ער האָט געמיינט: צונויפזאַמלענדיק פיל שמאַטעס, האָט פרענקלין געעפנט אַ פּאַפּיר־פאַבריק.

דאָס איז געווען די ערשטע פּאַפּיר־פאַבריק אין אַמעריקע. ביז איצט פלעגן די קאָלאָניעס מוזן אויסשרייבן פּאַפּיר פון ענגלאַנד, און דאָרטן האָט עס געקאָסט זייער טייער.

די קאָלאָניסטן האָבן דעריבער ניט געהאַט די מיגלעכקייט

צו דרוקן ביליגע צייטונגען און ביכער און דער געמיינער עולם האָט ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט זיי צו קויפן. פרענקלין האָט געמאַכט צוטריטלעך פאַרן ברייטן עולם דאָס בוך און די צייטונג.

פרענקלין האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַרטיקלען און עצות. די פאָרגעלייגטע מיטלען פלעגט ער אָפטמאָל אַליין עקספּערי־מענטירן און אויף אַזאַן אופן איבערצייגן אַלעמען אין דער ריכ־טיקייט פון זיינע ווערטער. אַזוי האָט ער, למשל, דערוויזן אַלעמען די וויכטיקייט פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג. ס'איז געווען אַזוי: ווינטנדיק אין אַ פאַרם, האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע פרוּוון און אויסגעפונען, אַז ווען מע זאָל באַמיסטיקן אַפילו אומפּרוכט־באַרע ערד מיט גיפּס, וועט די ערד געבן גוטע פּרוכט.

די שכנים־לאַנדווירטן האָבן זיך אָבער באַצויגן מיט ווייניק צוטרוי צו זיינע ווערטער. דאַן האָט פרענקלין אַזוי געטאָן: ער האָט צעאַקערט אַן אומפּרוכטבאַרע וויסטע שטיק לאַנד און באַ־מיסטיקט עס מיט גיפּס; דערביי האָט ער דעם גיפּס פונאַנדערגע־לייגט אין דער פאָרם פון גיגאַנטישע אותיות. ווען דאָס גראָז איז אויס־געוואַקסן, האָבן אַלע געקאָנט איבערלייענען אויפן פעלד די ווערטער, וואָס זיינען געווען צונויפגעשטעלט פון גראָז: „באַמיסטיקט מיט גיפּס".

אַלע האָבן דערזען, אַז פרענקלין איז גערעכט און אויף אי־בעראַיאָר האָבן זיך שוין פיל אומפּרוכטבאַרע פעלדער פאַרוואַנדלט אין גרינע לאָנקעס.

עס איז זיך גאָר גאָר שווער פאָרצושטעלן, ווי אַזוי עס האָט פרענקלינען געקלעקט צייט און כוחות צו פאַרנעמען זיך מיט אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע געשעפטן: אַ דרוקעריי, אַ בוכהאַנדלונג, אַ פּאַ־פּיר־פאַבריק, אַ צייטונג, אַ פאַרלאַג.

און אַלץ האָט ער געפירט פינקטלעך און געוויסנהאַפט, אַלץ האָט געבליט און זיך גוט אַנטוויקלט אונטער זיינע פלינקע געניטע הענט.

און וואָס ס'איז נאָך מער וווּנדער — ער האָט נאָך געפו־נען צייט אויף צו פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטלעכע פראַגן און געזעלשאַפטלעכע ענינים.

איין זאַך האָט ער יאָ געגאַרט און עס בשום אופן ניט געקאָנט אויספירן: אונטערפאָרן קיין באָסטאָן און זען זיך מיט די קרובים.

נאָר אָט איז צו אים דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז זיין ברודער איז געפּערלעך קראַנק געוואָרן.

דאָ האָט ער שוין אויף קיין זאַך ניט געקוקט, איבערגעגעבן די געשעפטן זיינע מיטהעלפער און תּיכּף אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

גאַנצע 10 יאָר האָט ער זיך מיט די עלטערן ניט געזען. און ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, מיט וואָס פאַר אַ פרייד מע האָט אים באַגעגנט.

דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דערוואַקסענעם מענטשן, אַ קלוגן און אַרבעטזאַמען, וואָס האָט זיך מיט זיין אַרבעט און אָרנטלעכקייט דערוואָרבן אַ פאַרמעגן, איז געווען געשעצט און געליבט פון אַלע באַקאַנטע ניט נאָר אין פילאַדעלפיע, נייערט אויך ווייט אַרום אין פיל אַנדערע שטעט.

דאָס מאָל האָבן זיך די ביידע ברידער זייער האַרציק באַגעגנט. דזשעמס האָט געזאָגט:

— ווי גליקלעך איך בין, וואָס דו ביסט געקומען. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל שוין שטאַרבן, ניט ווערנדיק שלום מיט דיר.

פרענקלין האָט פאַרזיכערט דעם ברודער, אַז ער פערזענלעך האָט שוין דעם ברודער לאַנג מוחל געווען און האָט צו אים גאָרניט.

דזשעמס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. פאַרן טויט האָט ער געבעטן פרענקלינען אַכטונג צו געבן אויף זיינע קינדער, אויסלערנען דעם זון זיינעם די אַרבעט פונם פאָטער.

פרענקלין האָט פייערלעך צוגעזאָגט דעם ברודער, אַז ער וועט האַלטן זיין קינד ניט ווי אַ שילער, נאָר ווי אַ אייגן קינד, בילדן אים ווי די אייגענע קינדער.

און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן.

אַז דזשעמס איז אין עטלעכע חדשים אַרום געשטאָרבן, האָט בען גענומען זיין זון צו זיך און דערצויגן אים צוגלייך מיט זיינע אייגענע קינדער.

דאָס יינגל האָט זיך געלערנט די אַרבעט ביים פעטער און ניט געפילט דעם שווערן יאָך פון אַנדערע לערניינגלעך.

XVI.

פרענקלינס זיטן־כללים. — די סיבות פון פרענקלינס גייסטיקער דערהויבונג.

פרענקלין פלעגט זאָגן: איך וואָלט זיך אזוי וועלן אויפפירן אין לעבן, אַז איך זאָל קיינמאָל קיין פעלער ניט מאַכן, אָדער לכל הפחות — שטענדיק קענען פאַריכטן די פעלערן, וואָס איך האָב געירשנט פון מיינע עלטערן, אויסוואָרצלען די שלעכטע זיטן, וואָס איך האָב באַקומען אין דער שלעכטער געזעלשאַפט.

דאָס איז ניט געווען סתם אזוי געזאָגט. פרענקלין פלעגט שטאַרק אכטונג געבן אויף זיך און געמיט זיך מיט אַלע כוחות אויסצוואָרצלען אַלע זיינע חסרונות.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען זייער אַ היציקער, פלעגט זיך פון יעדער קלייניקייט אָנצינדן ווי אַ שוועבעלע, האָט פון זיך זייער געהאַלטן, פלעגט שטאַרק הנאה האָבן, ווען עס פלעגט זיך אים איינגעבן צו באַקעמפן זיינע קעגנער מיט אַ שפּיצל אָדער אַריבערשטייגן אַ צווייטן מיט זיינע ידיעות א. א.

זייענדיק פיל יאָרן אין דער פרעמד, האָט פרענקלין דערזען, אַז די אַלע חסרונות קענען אים איבערפירן דאָס לעבן. און ער האָט באַשלאָסן פון זיי זיך צו באַפרייען.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיטאַמאָל פּטור ווערן פון אַלץ, גייסטיק זיך איבעראַנדערשן וועט ער ניט קענען. און ער האָט דעריבער גענומען אַרבעטן אויף זיך בהדרגה.

קודם כל האָט ער געמאַכט אַ רשימה פון די גוטע מידות, וואָס ער האָט געוואָלט באַקומען: איינגעהאַלטנקייט אין עסן און טרינקען; שווייגעוודיקייט; אָרדנונג און ריינלעכקייט; עקשנות ביים דורכפירן יעדן גוטן ווונטש; ליבע צו אַרבעט, שפּאָרזאַמקייט;

אמת און יושר אין באַציונג צו אַנדערע; זעלבסט־באַהערשונג ביים אויסברוך פון כעס; פריינדלעכקייט א. א.

און יעדע וואָך האָט ער אָנגעהויבן זיך איינצואיבן אין איינער פון די גוטע מידות.

ער האָט געפירט אַ טאָג־בוך און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אויף עפּעס עובר זיין, פלעגט ער דאָס גלייך פאַרצייכענען.

מיט גרויס צער פלעגט ער באַטראַכטן די בלעטלעך פונם טאָג־בוך, וואָס זיינען געווען פיל פאַרשריבן. און ליכטיק פלעגט אים ווערן אויף דער נשמה, ווען ער פלעגט זיך אָנשטויסן אויף אַזוינע בלעטלעך, וואָס זיינען געווען אינגאַנצן ריין.

פרענקלין האָט פאַרטיילט די גוטע מידות אין אַזאַ סדר, אַז איינע זאָל מיטהעלפן צו ברענגען די אַנדערע.

אָט איז די רשימה פון די גוטע מידות, וואָס ער האָט זיך אָנגעמערקט.

1) איינגעהאַלטנקייט אין עסן: פּאַק ניט אָן דעם מאָגן; טרינק ניט, ביז עס ווערט דערהיצט דער קאָפּ.

2) שווייגעוודיקייט; רייד נאָר וועגן דעם, וואָס עס קאָן נוצלעך זיין דיר, אָדער אַנדערע. קיין איבעריק וואָרט!

3) אָרדנונג: יעדע זאַך דאַרף האָבן איר באַשטימטן אָרט יעדע אַרבעט—איר באַשטימטע צייט.

4) אַנטשלאָסנקייט: באַשליס זיך צו טאָן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט. פיר אויס אַלץ, וואָס דו האָסט באַשלאָסן.

5) שפּאָרזאַמקייט: מאַך נאָר די הוצאות, וואָס זיינען אומבאַדינגט נויטיק פאַר דיר אָדער פאַר אַנדערע.

6) אַרבעטזאַמקייט — בטל ניט אומזיסט קיין צייט, פאַרנעם זיך שטענדיק מיט אַ נוצלעכער אַרבעט. טו נאָר דאָס, וואָס ס'איז נויטיק.

7) אמתדיקייט — אמתדיקייט און ריינהאַרציקייט זאָלן שטענדיק הערשן איבער דיר.

8 יושר: טו קיינעם ניט קיין בייז. טו אַלעמען גוטס. יעדערער האָט רעכט דאָס פון דיר צו דערוואַרטן.

9) מעסיקייט: דערלויב זיך ניט צופיל.

10) ריינלעכקייט: דערלאָז ניט די קלענסטע שמוץ ניט אויף זיך, ניט אַרום זיך.

11) רויקייט: באַאומרויק זיך ניט פון קלייניקייטן אָדער פון געשעענישן, וואָס זיינען אַפילו וויכטיק, נאָר אומפאַרמיידלעך.

12) עניוות — האַלט זיך ניט גרויס.

צו דער רשימה האָט פרענקלין צוגעגעבן פאָלגנדיקע באַמערקונג: „איך האָב אויפן ערשטן אָרט געשטעלט די איינגעהאַלטנקייט, ווייל זי מאַכט ליכטיק דעם קאָפּ און קלאָר די געדאַנקען. און דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק, ווען מע דאַרף שטענדיק אַכטונג געבן אויף זיך, זיין אויף דער וואַך, כדי ניט אונטערצוגעבן זיך די שלעכטע רגילותן.

אָנהייבנדיק זיך צו באַאָבאַכטן, האָט פרענקלין אַנטדעקט אין זיך פיל מער חסרונות, ווי ער האָט גערעכנט.

מער פאַר אַלץ איז פרענקלינען אויסגעקומען צו אַרבעטן איבער דעם, כדי איינצושטעלן ביי זיך אָרדנונג.

וועגן איבעריקע רייד דערציילט פרענקלין פאָלגנדיקע געגעשיכטע, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט:

ביים אָנקומען אין אַ האָטעל פלעגט מען אין יענע צייטן דעם גאַסט האַלטן אין איין פונאַנדערפרעגן: ווער ער איז? פון וואַנען? נאָך וואָס ער פאָרט? א. א. וו. פונאַנדערפרעגן פלעגן: דער ווירט, די ווירטין, די דינער. און אַלע—וועגן דער זעלבער זאַך. כדי פטור צו ווערן פון איבעריקע רייד און דאָך צו פאַרבלייבן אַ העפלעכער מאַן, פלעגט פרענקלין אָפּשטעלנדיק זיך אין אַ האָטעל, זיך נוהג זיין אַזוי: צונויפרופן צו זיך דעם ווירט, די ווירטין, די בני־בית, די דינערשאַפט און אַלעמען דערציילן: „ליבע פריינד, איך בין בענדזשעמין פרענקלין, אַ דרוקער פון פאַך. איך פאָר פון דאָרטן און דאָרטן אַהין און אַהין צו קרובים צו גאַסט. פאַרבלייבן וועל דאָרט ניט לאַנג. מער האָב איך ניט וואָס צו דערציילן, איצט, זייט מוחל, גיט מיר עסן“...

פרענקלין האָט געזאָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ דאַנק דעם האָט זיך אים איינגעגעבן אינגאַנצן זיך איבערצואַנדערשן,

דערגרייכן אַזוי פיל אין לעבן, פאַרוואַנדלען זיך פון אַ פּשוטן זעצער אין אַ גרויסן געלערנטן און באַרימטן מלוכה־מאַן.

מיט וועלכע מיטלען האָט ער דאָס אַלץ דערגרייכט? קודם כל מיט שטענדיקער און דערמידלעכער אַרבעט, אַ דאַנק דער שטרענגער פאַרטיילונג פון דער צייט, אַ דאַנק זיין האַרציקער באַציונג צו מענטשן.

מיט זיין האַלטונג האָט פרענקלין אַרויסגערופן צו זיך די גרעסטע אַכטונג און מיטן גרעסטן רעספּעקט האָבן זיך אַלע באַצויגן צו זיינע מיינונגען.

פרענקלין פלעגט שטענדיק אָנערקענען דעם צווייטנס מעלות, אַלע מאָל אָפּטרעטן דעם ערשטן אָרט פאַר די, וואָס ער האָט געהאַלטן ווירדיקער פאַר זיך.

אַ דאַנק דעם אַלעם, אַ דאַנק זיין ענוות האָט ער זיך דערוואָרבן פיל פריינד און אָנהענגער.

XII.

די „יונטע“.—פרענקלינס אַגיטאַציע פאַר אַ העכערער שול אין אַמעריקע. — זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

ביי יעדער אַרבעט זיינער האָט פרענקלין שטענדיק געהאַט אין זינען ניט זיינע אייגענע נוצן, נאָר די נוצן פון דער געזעלשאַפט.

דער געזעלשאַפטלעכער חוש איז געווען ביי אים אַנטוויקלט נאָך אין די יונגע יאָרן.

ער איז געווען דער גרינדער פון דער געזעלשאַפט „יונטע“, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.

די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן, כדי צו פאַרלייכטערן די מיטגלידער די אַרבעט ביים באַטראַכטן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע פראַגן.

ניט געקוקט אויף זיינע געשעפטן, האָט פרענקלין דאָך געפונען צייט פאָרצוזעצן די אַרבעט אין דער „יונטע“.

דער ברייטער עולם האָט ניט פאַרשטאַנען די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט און האָט די ערשטע צייט געלאַכט פון די

מיטגלידער, גערופן זיי אין ספּאַס „דער קלוב פון די לעדערנע פּאַרטעכער" — דערפאַר, וואָס דער גרעסטער טייל מיטגלידער איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, וואָס האָבן געטראָגן איינפאַכע אַר־בעטער־בגדים.

פרענקלין האָט אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די אומפאַרשטענדיקע ריידן. ער האָט זיך געמיט די אַרבעט פון דער „יונטע" צו פאַרברייטערן אַלץ מער און מערער.

די אַרבעט אין דער „יונטע" האָט געבראַכט די מיטגלידער גרויסע נוצן. זיי האָבן זיך צוגעוווינט גרינטלעך צו לייענען בי־כער, ערנסט צו שטודירן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע פראַגן, קלאָר און פריי אויסצודריקן די געדאַנקען.

די „יונטע" איז געוואָרן פּאָפּולער ביי דער יוגנט און פיל יונגעלייט האָבן געקראָגן חשק אין איר אַריינצוטרעטן.

דאָס איז געווען אומיגלעך, ווייל לויטן סטאַטוט איז די צאָל מיטגלידער פון דעם קרייז געווען באַגרענעצט. פיל פון די גרינדער האָבן דעם סטאַטוט ניט געוואָלט ענדערן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אין אַ גרעסערער פאַרזאַמלונג וועלן זיי ניט קע־נען פירן די אַרבעט אַזוי גרינטלעך.

פרענקלין האָט אָבער געקוקט אויף דער זאַך ברייטער און ער האָט דורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז יעדער מיטגליד פון דער „יונטע" האָט רעכט אַליין צו גרינדן אַ קרייז, אויך פון 12 פּער־זאָן. אַזוי אַרום האָט זיך די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט שטאַרק פאַרצווייגט. די אַלע געזעלשאַפטן זיינען געווען פאַרבונדן מיטאַ־נאַנדער. עס איז געוואָרן אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער כוח און זיי האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשפרייטן בילדונג אין אַמעריקע.

פרענקלין האָט געזען, אַז אויפן בילדונגסגעביט שטייען די קאָלאָניעס שטאַרק אָפּ פון ענגלאַנד. דאָס האָט אים ניט געלאָזט רוען.

מער ווי פּאָלקס־שולן און אַ באַגרענעצטע צאָל מיטל־שולן זיינען אין די קאָלאָניעס ניט געווען. קיין אוניווערזיטעט, קיין אַקאַדעמיע האָבן די קאָלאָניעס ניט געהאַט.

די רייכערע אַמעריקאַנער פלעגן שיקן די קינדער שטודירן

קיין אייראָפּע. דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן איז ניט געווען ביכולת אַזוי פיל זיך מרבה הוצאה צו זיין און דעריבער פלעגן פיל יונגעלייט ניט האָבן די מיגלעכקייט זייער בילדונג צו פאַרענדיקן.

פרענקלין האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער יונטע די פראַגע וועגן אַ העכערער שול אין פילאַדעלפיע. אַלע האָבן געפונען, אַז ס'איז אַ נויטווענדיקייט. פרענקלין האָט דאַן אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „וועגן די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אויסבילדונג פון דער פענסילוואַנער יוגנט". דידאָזיקע בראָשור האָט פרענקלין פאַרשפּרייט אומזיסט אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן.

אין דערדאָזיקער בראָשור האָט דער מחבר אין פּשוטע וואַרעמע ווערטער דערוויזן די נויטווענדיקייט פון דער העכערער שול. אין פילאַדעלפער פאָלקס-הויז האָט ער אויך אויפגעגעבן אַ פּראָיעקט פון דער הויכשול.

דער פאָרשלאָג האָט ביי אַלעמען אויסגענומען. פרענקלין האָט אויסגענוצט די סימפּאַטיעס פון דער געזעלשאַפט צו זיין פּלאַן און האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די נויטיקע מיטלען.

פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן צו פליסן נדבות, וואָס פון יאָר אַלץ מער און מער. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום איז געגרינדעט געוואָרן אין פילאַדעלפיע אַן אַקאַדעמיע — דער ערשטער העכערער לערנאַנשטאַלט אין גאַנץ אַמעריקע.

פרענקלינס אַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט איז דורך דער געזעלשאַפט אָפּגעשאַצט געוואָרן און ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ דעפּוטאַט אין פאָלקס-פאַרזאַמלונג.

אויסער דעם האָט ער פאַרנומען נאָך אַ הויכן פּאָסטן — ער איז געוואָרן הויפּט-פאַרוואַלטער פון דער קאָלאָניאַלער פּאָסט.

אַזוי ווי די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט געפאָדערט פיל צייט, האָט פרענקלין באַשלאָסן מקריב צו זיין די פּריוואַטע אינטערעסן און באַפרייען זיך פון דער דרוקעריי.

און געטאָן האָט ער דאָס אויף אַזאַן אופן: אין אַ שייבעס

פרימאָרגן איז ער געקומען צו איינעם פון זיינע אַרבעטער — דעם בעסכן בעל־מלאָכה—און געמאָלדן אים, אַז ער גיט אים איבער די דרוקעריי מיט אַלע מכשירים, מיט האַק און פּאַק. איין תּנאַי נאָר האָט פרענקלין אויסגענומען — אין משך פון 18 יאָר זאָל ער באַקומען אַ טייל פון די רוחים.

נאָכן איבערגעבן די דרוקעריי האָט שוין פרענקלין געהאַט אַ סך פרייע צייט און די גאַנצע צייט געווידמעט דער וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט.

באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט פיזיק.

אין יענער צייט זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן פיל פון די פיזיקאַלישע דערשיינונגען, וועלכע ווערן שוין איצט דער־קלערט אין אַלע לערנביכער. דאָס זיינען געווען קודם כּל די דער־שיינונגען פון עלעקטריציטעט.

אין אָנהייב פון XVIII י. ה. האָט מען אין די פאַרשיי־דענע שטעט פון אייראָפּע געמאַכט פיל עקספּערימענטן, כּדי צו באַקומען דעם עלעקטרישן פונק. מע האָט אויסגעפונען די קעגנ־שטאַנדן, וואָס זיינען בעסערע דורכפירער פון עלעקטרע, איינגע־אָרדנט מכשירים אויף דורכצופירן דעם עלעקטרישן שטראָם.

פרענקלין האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט מיט די אַלע עקספּערימענטן. ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס ס'פלעגט זיך נאָר באַווייזן געדרוקט וועגן דער נייער קראַפט. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט נאָר מיטן לייענען און אַליין דורכגעמאַכט זייער פיל עקספּערימענטן, כּדי דורך דער אייגענער דערפאַרונג צו דערגיין נייע אייגנשאַפטן פון דער דאָזיקער קראַפט. און אַזוי עקספּערימענ־טירנדיק איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז דער בליץ און דער דונער זיינען אויך דערשיינונגען פון דער זעלביקער עלעקטרישער קראַפט, אַז דער בליץ, וואָס וואַרפט איין בוימער, הרגעט מענטשן, צינדט אָן געביידעס — איז דער זעלביקער עלעקטרישער פונק, וואָס ער, פרענקלין, פלעגט קינסטלעך באַקומען ביי זיינע עקספּערימענטן.

דונער און בליץ האָבן מיט זייער מעכטיקייט שטענדיק אַרויסגערופן ביים מענטשן וווּנדער און שרעק.

פון קדמונים אָן האָט זיך דער מענטש געמיט צו דערקלערן די סיבה פון דער דערשיינונג. די אַלטע פעלקער פלעגן דערקלערן די דערשיינונג פון געוויטער אויף אַזאַן אופן: די געטער בייזערן זיך, און דער דונער איז דער אויסדרוק פון זייער צאָרן.

אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט מען אָנגעהויבן צו געבן אַנדערע דערקלערונגען. טייל האָבן געזאָגט, אַז אין דער לופט טראָגט זיך אַרום אַן אויפרייס־דאַמף. מע האָט פאַרגליכן די דערשיינונג פון געוויטער מיט דער דערשיינונג פון אַ פּולווער־אויפרייס.

דער באַרימטער געלערנטער דעקאַרט האָט געמיינט, אַז דער בליץ איז אַ ליכט־דערשיינונג און דאָס גערויש פון דונער קומט פאָר צוליב דעם, וואָס אַ גרעסערע צאָל וואָלקנס פאַלט אַראָפּ פון אַ גרויסער הויך אויף די אונטערשטע.

אין אָנהייב פון XVIII י. ה. האָט מען שוין אַרויסגעזאָגט דער געדאַנק, אַז דונער און בליץ איז אַן עלעקטרישע דערשיינונג. פרענקלין האָט דערוויזן, אַז דער געדאַנק איז אַ ריכטיקער.

XVIII

פרענקלין אַנטדעקט עלעקטרישע קראַפט אין די וואָלקנס. — דער ערשטער בליצאָפּטרייבער.

קוים האָט שוין דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דונער און בליץ זיינען עלעקטרישע דערשיינונגען, אַ בליץ געטאָן ביי פרענקלינען אין מוח, האָט שוין דער געלערנטער ניט גערוט. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן און גלייכצייטיק זיך צו וווּנדערן: סאַר אַ נצחון פון מענטשלעכן שכל — אַנטדעקן די אייגנשאַפטן פון דער שרעקלעכער קראַפט!.. קענען אָנפירן מיט אָט דער קראַפט!.. פאַרהיטן פון אומגליקן!.. — סאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דער מענטשהייט!

פרענקלין האָט וועגן זיין געדאַנק קיינעם ניט דערציילט.

פריער האָט ער זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן אין זיין ריכטיקייט.

דער איינציקער, וועמען פרענקלין האָט פאַרטרויט דעם סוד, איז געווען זיין עלטערער זון, וועלכער האָט אויך געאַרבעט אויף דעם געביט.

וואָס מער פרענקלין האָט פאַרפולקומט די מכשירים, ווו עס זאַמלט זיך צונויף די עלעקטרישע קראַפט, וואָס מער ער האָט באַאָבאַכטעט די אַלע אייגנשאַפטן פון דער עלעקטרישער קראַפט, אַלץ מער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די דערשיינונגען זיינען ענלעך צו די דערשיינונגען פון געוויטער. מע האָט אָבער אַלעמען געדאַרפט איבערצייגן אין דעם, אַלע זאָלן באַשיינפּערלעך דער-זען, אַז אין די וואָלקנס געפינט זיך טאַקע עלעקטרע, מע האָט געדאַרפט, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּברענגען די קראַפט פון הימל אויף דער ערד.

פרענקלין האָט באַמערקט, אַז עלעקטרע גייט לייכט אַריבער אויף שפּיציקע אייזערנע שפּיזלעך. איז אים איינגעפאַלן אַזאַ גע-דאַנק: ער וועט אויפהייבן אייזערנע שפּיזלעך אין דער הויך צו די וואָלקנס און דורך זיי צוציען אַ בליץ.

ווי אַזוי אָבער הייבט מען אויף די שפּיזלעך אינדערהויך? דאָ איז אים צוניץ געקומען אַ קינדערשע שפּילעריי. פרענקלין האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די קינדערשע יאָרן איז איינע פון זיינע באַליבטסטע שפּילערייען געווען — לאָזן אינדערהויך פּאַפּירענע „שלאַנגען". האָט ער איצט אויך געמאַכט אַזאַ שלאַנג פון אַ זיידן טיכל, אַרומגערעמלט עס מיט קיגעלעך און צו איינעם פון די קינע-לעך צוגעפעסטיקט אַ מעטאַלענעם שפּיזל. די „שלאַנג" האָט ער אַוועקגעלאָזן אינדערהויך, האַלטנדיק פאַר אַ ברעג פון אַ לאַנגן האַנפענעם שטריק.

— זע — האָט ער דערקלערט דעם זון — אייזן און האַנף זיינען גוטע דורכפירער פון עלעקטרע. דורך זיי וועט דער בליץ אַראָפּ צו אונדז ווי אויף טרעפּ.

— און וועט נאָך חלילה דערהרגענען דעם, וואָס וועט האַלטן פאַרן שטריקל — האָט דאָס בחורל באַמערקט.

פרענקלין איז בלייך געוואָרן. דער זון איז גערעכט. די האָ-

פענונג אין דערפאָלג האָט אים אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז ער האָט גאָר אין אַכט ניט גענומען, וואָס פאַר אַ געפאַר, עס האָט געדראָט אים און דעם זון.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געפונען אַ תּרופה צו דעם שטער אויך. צום אָנפעגעם שטריקל האָט ער צוגעבונדן אַ זײַדענעם שנירל — אַ שלעכטן דורכפירער פון עלעקטרע; אויפן קניפּל האָט זיך געפונען אַ מעטאַלענער שליסל, אין וועלכן די עלעקטרע האָט זיך געדאַרפט צונויפזאַמלען.

מיט גרויס אומגעדולד האָבן דאַן דער זון מיטן פאָטער גענומען וואַרטן אויף אַ געוויטער, כּדי דורכצופירן דעם עקספּערימענט.

די אַרומיקע האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס קוקן זיי אויפן הימל? וואָס פרייען זיי זיך אַזוי מיט הייסע טעג?

קיינער האָט אָבער זייער סוד ניט געוווּסט.

ענדלעך האָט זיך פרענקלין דערוואַרט אויפן געגאַרטן וועטער: דער הימל האָט זיך באַלייגט מיט געדיכטע וואָלקנס.

מלא שמחה איז דער זון אַרײַנגעלאָפן צום פאָטער.

— קום, ס'איז צייט!

מיט ציטערדיקע הענט האָט פרענקלין אײַנגעבונדן די שלאַנג און דער פאָטער מיטן זון האָבן זיך אומבאַמערקט אַרויסגערוקט פון שטוב און אַוועק הינטערן שטאָט אויף אַ לאָנקע.

— פאָטער! איך וועל האַלטן דאָס שטריקל! — האָט דאָס ייִנגל געבעטן, ווען זיי האָבן אַוועקגעלאָזט די שלאַנג.

— גוט, גוט! — האָט פרענקלין גלײַך אײַנגעשטימט, אינגאַנצן פאַרטאָן אין די באַאָבאַכטונגען איבערן וואָלקן, וואָס האָט שוין פאַרצויגן מער ווי אַ העלפט הימל.

פייערדיקע זיגזאַגן האָבן אַלע ווײַלע דורכגעשניטן דעם הימל, באַגלייט מיט דונער־קנאַלן.

אין דער הייסער מינוט האָט פרענקלין ניט פאַרשטאַנען די אמתע כּוונה פון דעם זונס פאַרלאַנג — פאַרהיטן דעם פאָטער פון אַ מעגלעכער געפאַר.

— זײַדנס איז טאַקע אַ שוואַכער דורכפירער פון עלעקטרע —

האָט זיך דער זון געטראַכט — ווער ווייס אָבער, וואָס עס קען פּאַסירן. בעסער זאָל דעריבער מיך טרעפן די פונק, איידער דעם פאָטער!

און דער העלדישער זון האָט מיט אַ פעסטער האַנט געהאַלטן דאָס שטריקל.

די שלאַנג איז געהאַנגען אין דער לופטן. דאָס ייִנגל איז געשטאַנען עטלעכע טריט פון פאָטער און אָנגעשטרענגט געקוקט אויפן וואָלקן און אויפן שטריקל. די כמאַרע האָט זיך גיך דער־נענטערט. אָט איז זי שוין איבער דער שלאַנג... ס׳בליצט און ס׳דונערט... קיין סימנים פון עלעקטרע מערקט מען אָבער ניט. דאָס האַרץ פאַלט אײַן פאַר דערוואַרטונג. ווידער אַ פּייער. ווידער אַ קנאַל. וואָס ווייטער אַלץ אָפטער. פּלוצלונג זעט פרענקלין, ווי דאָס האַנפענע שטריקל איז האָריק געוואָרן, די הערעלעך האָבן זיך אויפ־געהויבן, ווי עס הייבן זיך אויף די האָר פון קאָפּ ביי אַ מענטשן, וואָס ווערט עלעקטריזירט.

איז דאָס טאַקע אַזוי? גאַרן אים ניט אָפּ זיינע אויגן? ער רירט זיך צו מיט אַ פינגער צום שליסל. אַ פונק שפּרינגט אַרויס און ער דערפילט אַ שטאַרקן טרייסל. אַלזאָ — ס׳איז קלאָר, אַזוי איז דאָס. דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן: דער איינ־ציקער קוואַל פון עלעקטרע ביי אַ געוויטער זיינען די אַטמאָספער און די וואָלקנס.

פרענקלין האָט פאַרייניקט דעם שליסל מיט אַ ספּע־ציעלן מכשיר אויף צו זאַמלען עלעקטרע. די עלעקטרע איז אַריבער אַהין.

שטאָלצע און גליקלעכע זיינען דער פאָטער מיטן זון גע־גאַנגען צוריק אַהיים. זיי האָבן מיט זיך געטראָגן אַ וווּנדערלעכן פאַנג: זיי האָבן געהאַט אַ בליץ אין די הענט!...

איצט האָט שוין פרענקלין ניט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן און באמת זיך צו מאַכן זיין אַנטדעקונג וואָס באַוווסטער. ער האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט וועגן זיינע באַאָבאַכטונגען און אַוועקגעשיקט אים אין אַ לאָנדאָנער וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, פאָרגעלייגט די געלערנטע זיין עקספּערימענט צו קאָנטראָלירן.

די באַשרייבונג האָט מען גלייך איבערגעזעצט אין עטלעכע

שפראַכן (דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש א. א.). אין פילע לענ־דער האָט מען איבערגעחזרט פרענקלינס עקספּערימענטן, פון או־טעטום האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו אים בריוו מיט אויסדרוקן פון דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג.

די לאָנדאָנער קיניגלעכע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט האָט אים צוגעשיקט אַ מעדאַל און אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

די פּאַריזער וויכנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע האָט אים איינגע־לאַדן פאַר אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע. עטלעכע אוניווערזי־טעטן האָבן אים צוגעשיקט דעם טיטול „דאָקטאָר".

דער גרויסער כּבוד און דער רום האָבן ניט אָפּגעשטעלט פרענק־לינס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. פאַר אים איז געווען ווייניק צו אַנט־דעקן וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אמתן. אים האָט זיך נאָך געוואָלט ברענגען מיט זיין אַנטדעקונג פּראַקטישע נוצן דער מענטשהייט.

נאָך דער אַנטדעקונג פון דער עלעקטרישער קראַפט אין די וואָלקנס איז נאָך דער בליץ אַלץ געווען געפערלעך פאַר דעם מענטשן, האָט נאָך אַלץ אָנגעמאַכט דעם מענטשן גרויסע שאָדנס.

— די באַקאַנטשאַפט מיט די אייגנשאַפטן פון דער עלעק־טרישער קראַפט דאַרף מען אויסנוצן, כּדי צו געפינען אַ מיטל, וואָס זאָל פאַרהיטן פון זיין שלאָגן — האָט פרענקלין געטראַכט.

און ער האָט דעם מיטל געפונען. ער האָט צוגעטראַכט דעם בליצאָפּטרייבער. ער האָט דערוויזן, אַז אייזערנע שפּיציקע פרענ־טעס, וואָס ווערן מיט איין שפּיץ אַריינגעגראָבן אין דר'ערד, פירן דורך די עלעקטרע אין באָדן און פאַרהיטן אויף אַזאַן אופן די נאָענטע בנינים פון אַ בליץ־שלאָג.

וועגן דעם ערשטן בליצאָפּטרייבער דערציילט מען פאָלגנ־דיקעס. די איינוווינער פון פילאַדעלפיע האָבן אַמאָל דערזען, ווי מע האָט אָוועקגעשטעלט איבערן הויז פון דעם סוחר וועסט אַ הויכן מעטאַלענעם שטאַנג מיט אַ בליצלענדיקן שפּיץ.

—וואָס איז דאָס? — האָבן אַלע נייגעריק געפרעגט?

— פרענקלין וויל דאָס פאַרטרייבן די בליצן אין דרערד —

האָבן די אַרבעטער זיך געוויצלט, ניט גלויבנדיק אין דער זאַך, וואָס זיי אַליין טוען.

ביי יעדן געוויטער פלעגט זיך אַרום דאָזיקן הויז צונויפזאַמלען אַ גרויסער המון נייגעריקע, קוקן אינדערהויך און אַכטונג געבן, וואָס דאָ וועט פּאַרקומען.

און איינמאָל האָבן זיי טאַקע דערזען אַזוינס, וואָס האָט זיי אינגאַנצן איבערצייגט.

ס׳איז געווען אַ געוויטער. איבערן שטאָט זיינען געהאַנגען שוואַרצע בלייענע וואָלקנס. ס׳האָט געבליצט און געדונערט. אָט זיינען די וואָלקנס צוגעקומען נאָענט צום הויז מיטן שטאַנג. דער עולם דאָט א וווּנדער דערזען: דער שפּיץ האָט אַזוי ווי צוגעצויגן צו זיך די וואָלקנס.

— וואָס איז דאָס? — האָבן אַלע דערשראָקן געפּליסטערט — פּרענקלין האָט ניט פאַרטריבן די בליצן פון הויז, נאָר פאַרקערט — זיי צוגעצויגן!

— אַ מענטש קען ניט גיין אַנטקעגן גאָט!... זאָל ער שומר ומציל זיין! — האָבן גערעדט די פרומע.

די כמאַרע איז געבליבן הענגען איבערן הויז. פּלוצלונג האָט זי דורכגעשניטן אַ פייערדיקער בליץ; דער בליץ האָט זיך א צי געטאָן צום בלישטשעדיקן שטאַנג, און באַלד נאָכדעם — טררררראַך!... טאַררראַררראַך!...

אַלע זיינען פאַרציטערט געוואָרן, געמיינט, אַז דאָס הויז איז איינגעפאַלן.

נאָר גאָרניט. דאָס הויז איז גאַנץ. די שרעקלעכע כמאַרע רוקט זיך פּאַמעלעך אָפּ, ווי אָפּגעשוואַכט.

אַלע האָבן באַשיינפּערלעך דערזען די ווירקונג פון בליצאָפּטרייבער.

גלייך נאָכדעם האָבן זיך די בליצאָפּטרייבער פאַרשפּרייט אין אַמעריקע און אין אייראָפּע און זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג די בעסטע פאַרהיטער פון דער שרעקלעכער קראַפט פון בליץ.

XIX

דער קאַמף צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין אַמעריקע און די ראָל פון די קאָלאָניסטן. — דער אַקט וועגן הערב=אָפּצאָל. — די קאָלאָניסטן פאַרטיידיקן זייער פרייהייט.

די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט האָט פרעגקלינען אַזוי פאַרינטערעסירט, אַז ער איז גרייט געווען איר זיך אָפּצוגעבן אינגאַנצן.

דאָס איז אָבער געווען אוממיגלעך, ווייל ער האָט גלייכצייטיק געמוזט זיך פאַרנעמען אויך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

פון יאָר 1853 איז פרענקלין געוואָרן דער הויפּט=פאַרוואַלטער פון דער פּאָסט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער שטאָט=פאַרוואַלטונג, אַ פרידנסריכטער, אין משך פון 20 יאָר—אַ דעפּוטאַט פון דער פאָלקס=פאַרזאַמלונג אין פּענסילוואַניע.

קיין איין וויכטיקע פראַגע פלעגט ניט באַשלאָסן ווערן אָן זיין אָנטייל. אַלע פלעגן זיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוהערן צו זיינע קלאָרע דייטלעכע פאָרשלאָגן און די מערהייט פלעגט זיי שטענדיק אָננעמען.

וועגן די אַלע פראַגן, וואָס פלעגן שטיין אויפן סדר היום פון דער פאָלקס=פאַרזאַמלונג, פלעגט פרענקלין שרייבן אַרטיקלען אין זיין צייטונג און דורך זיי באַקאָנען דעם ברייטן עולם ווי מיט די פראַגן, אַזוי אויך מיט זיין מיינונג וועגן זיי.

אין יענער צייט זיינען אין דער פאָלקס=פאַרזאַמלונג באַטראַכט געוואָרן זייער פיל וויכטיקע פראַגן. פון די באַשלוסן איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק געווען די עקזיסטענץ פון דער קאָלאָניע.

אַרום יאָר 1750 האָט זיך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך צעפלאַקערט אַ מלחמה. אין אַמעריקע האָבן דאַן געהערט צו פראַנקרייך קאַנאַדע, עטלעכע פעסטונגען ביי די ברעגעס פון טייך אָהאַיאָ און די גרויסע אַמעריקאַנער אָזערעס.

די גרענעצן צווישן די פראַנצויזישע און ענגלישע געביטן זיינען נאָך געווען ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. גרויסע שטחים ערד

זיינען נאָך בכלל דורך די אייראָפּעער ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן און צו קיינעם ניט געהערט.

איבער זיי פלעגן אַרומוואַנדערן די פילצאָליקע שבטים פון די רויטהויטיקע אינדיאַנער.

די ענגלישע קאָלאָניסטן — און פריער פאַר אַלעמען פרענקלין — האָבן פאַרויסגעזען, אַז פראַנקרייך וועט אַריבערטראָגן די מלחמה קיין אַמעריקע.

די ענגלישע קאָלאָניעס זיינען געוועזן שוצלאָז אַנטקעגן דער באַוואָפנטער מאַכט פונם שונא.

לויט די אָפּמאַכן מיט די קאָלאָניעס האָט ענגלאַנד ניט געהאַט קיין רעכט צו האַלטן שטענדיקן מיליטער אין די קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטן גופא האָבן אויך קיין חיל ניט געשאַפן.

פרענקלין האָט אריינגעטראָגן אין פאָלקס-הויז אַ פּראָיעקט וועגן שאַפן אַ פאָלקס-מיליץ. כדי צו פאַרטיידיקן זיך פון די פראַנצויזן, האָט ער נאָך אין שליחות פון פאָלקס-הויז געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די איבעריקע קאָלאָניעס, זיי זאָלן אַלע פירן דעם קאַמף געמיינזאַם.

די בעסטע מענטשן פון די קאָלאָניעס זיינען געווען זיכער, אַז ווען אַלע ענגלישע קאָלאָניעס וועלן אַרויסטרעטן פאַראייניקט, וועלן זיי אַליין זיין בכוח זיך צו פאַרטיידיקן פון שונאס אַ פאַל, אָן ענגלאַנדס הילף. ענגלאַנד האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַזאַ פאַרבאַנד פון די קאָלאָניעס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פאַרבאַנד וועט אויפוועקן ביי די קאָלאָניסטן אַ שטרעבונג צו זעלבשטענדיקייט. די ענגלישע מאַכט האָט דעריבער ניט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פונם פאַרבאַנד פון די קאָלאָניעס, וואָס פרענקלין האָט אויסגעאַרבעט. זי האָט ליבערשט געשיקט קיין אַמעריקע אַן אייגענעם חיל.

די מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט זיך געצויגן אין משך פון 7 יאָר.

די פראַנצויזן האָבן צוגעצויגן אויף זייער זייט די אינדיאַנער. די ווילדע שבטים פלעגן אָנפאַלן אויף די פרידלעכע ישובים

פון די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געוווינט אויף דער גרענעץ פלעגן ראַבעווען און הרגענען די פרידלעכע באַפעלקערונג אָן רחמנות.

די ענגלישע גענעראַלן זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט די געגנטן, ווו די מלחמה איז פאָרגעקומען, און דעריבער האָט זייער מלחמה־קונסט אין אַמעריקע ניט געגאָלטן. זיי האָבן געליטן מפלות איינע נאָך דער אַנדערער, איינע שווערער פאַר דער אַנדערער. ווען די קאָלאָניסטן וואָלטן זיי ניט אונטערגעשטיצט וואָלט זיך קיין איין אָפּטיילונג אַהיים ניט צוריקגעקערט. די קאָלאָניסטן האָבן זיי געשטיצט מיט געלט, צונויפגעשטעלט פילצאָליקע אָפּטיילונגען פון מיליץ, וואָס האָבן געקעמפט אין די רייען פון די ענגלענדער.

פרענקלין האָט באַקומען אַן אויפטראָג צו פאַרטיידיקן די צפון־מערבדיקע גרענעץ. ער האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג פון 500 זעלנער.

נאָך עטלעכע צוזאַמענשטויסן מיט די אינדיאַנער האָט זיך אים איינגעגעבן זיי צו פאַרטרייבן. דאַן איז ער צוגעטראָטן צו בויען פעסטונגען.

אונטער זיין אָנפירונג האָט מען אין דער ווילדער ניט באַוווינטער געגנט אויסגעבויט 3 פעסטונגען.

אין יעדערער האָבן זיך געקאָנט באַשיצן עטלעכע הונדערט זעלנער.

די אַרבעט איז זייער בעשווערט געוואָרן צוליב די גרויסע פרעסט. אָבער פרענקלין האָט מיט זיין ביישפיל שטענדיק אויפגעמונטערט די זעלנער און דער ציל איז גיך דערגרייכט געוואָרן.

די פעסטונגען האָבן געדאַרפט פאַרהיטן דאָס לאַנד פון די אָנפאַלן פון די אינדיאַנער. פרענקלין האָט באַשטימט פאַר די פעסטונגען אַן אָנפירער און אַליין זיך צוריקגעקערט קיין פילאַדעלפיע.

אין יאָר 1763 האָט זיך די מלחמה פאַרענדיקט מיטן נצחון פון די ענגלענדער. פראַנקרייך האָט אָפּגעטראָטן ענגלאַנד די געביטן, וואָס זי האָט פאַרנומען אין קאַנאַדע. די ענגלישע קאָלאָניעס זיינען פטור געוואָרן פון אויסערלעכע שונאים און האָבן זיך געקאָנט ווייטער פריי אַנטוויקלען.

דידאָזיקע פרייע אַנטוויקלונג פון די קאָלאָניעס, זייער באַרייכערונג און פאַרשטאַרקונג האָט, דאַכט זיך, געדאַרפט ענגלאַנד

ווילגעפעלן. די ענגלענדער זיינען אָבער דערמיט געווען ניט גאָר צופרידן.

זיי האָבן שטענדיק געקוקט אויף די קאָלאָניסטן ניט ווי אויף גלייכבארעכטיקטע בירגער פון ענגלאַנד, נאָר ווי אויף אונטערטאַנער פון דער צווייטער מדרגה.

כל זמן צפון אַמעריקע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גראַניציגע, ניט אויסגעפאָרשטן מדבר, באַדעקט מיט אוראַלטע וועלדער, באַוווינט פון ווילדע מענטשן און חיות, האָט די ענגלישע רעגירונג גאַנץ גערן און פריי אָפּגעגעבן פלאַץ אַלעמען, וועלכער נאָר עס האָט זיך געוואָלט דאָרט באַזעצן.

די ענגלישע רעגירונג איז נאָך געווען צופרידן, וואָס זי ווערט פטור פון פאַרשיידענע פּראָטעסטאַנטן, אומצופרידענע עלעמענטן און האָט זיי באַשאָנקען מיט פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, נאָר זיי זאָלן זיך געפינען ווייט פון ענגלאַנד.

ווען אָבער אָט די דאָזיקע פּראָטעסטאַנטן האָבן פאַרוואַנדלט די געדיכטע וועלדער אין פרוכטבאַרע פעלדער און בליענדיקע לאַנקעס, ווען אין דאָזיקן מדבר זיינען אויסגעוואַקסן שטעט און דערפער, ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ האַנדל און אַ אינדוסטריע, ווען די שיפן, וואָס פלעגן אָפּגיין פון ענגלאַנד מיט מאַנופאַקטור, האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקצוקערן אָנגעלאָדן מיט ווייץ, טאַבאַק, רייז, אינדיגאָ א. א. גוטע זאַכן — דאַן האָבן די ענגלענדער שוין ניט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם פעטן ביסן פון די הענט. זיי האָבן געקראָגן חשק, וואָס מערער נוצן צו באַקומען פון זייערע קאָלאָניעס.

און זיי האָבן איינגעשטעלט, אַז די קאָלאָניעס מעגן פירן אַ מסחר נאָר מיט ע גלאַנד, האָבן אַפילו פאַרווערט צו בויען אין אַמעריקע פאַבריקן.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך געמעגט פאַרנעמען נאָר מיט ערדאַרבעט, פיצוכט, וואַלד־צוכט. דערביי האָבן זיי די רויע פּראָדוקטן געמוזט אָפּשיקן קיין ענגלאַנד, וועלכע פלעגט זיי דערפאַר אַרויסגעבן די פּראָדוקטן פון אירע פאַבריק־אויסאַרבעטונגען.

ס'איז קלאָר, אַז פאַר די קאָלאָניעס איז דאָס געווען אַ גרויסע באַגרענעצונג. זיי האָבן אַליין פאַר זיך ניט געטאָרט

אויסאַרבעטן קיין זאַך און אַלץ געמוזט אויסשרייבן פון ענגלאַנד, צאָלנדיק פאַר אַלץ הויכע פרייזן.

וואָס מער די קאָלאָניעס האָבן זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער האָבן זיי אָנגעהויבן צו פילן דעם יאָך, אַלץ שווערער איז זיי געוואָרן צו ליידן פון די אַלע באַגרענצונגען.

ניט געקוקט אָבער אויף קיין זאַך, האָבן זיי אַפילו ניט געטראַכט וועגן שטעלן זיך אַנטקעגן. ענגלאַנד האָט זיי איבער־געלאָזט די פרייהייט פון דער אינעווייניקסטער פירונג און זיי האָבן זיך דערמיט באַנוגנט.

ענגלאַנד איז אָבער אַלץ געווען ניט צופרידן מיט די קאָ־לאָניעס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַקומט פון זיי צו ווייניק רוחים, און ס'האָט זיך איר פאַרוואָלט באַקומען מער.

אין יאָר 1765 האָט די ענגלישע מאַכט אַרויסגעגעבן דעם אַזויגערופענעם „אַקט וועגן הערב־אָפּצאָל".

לויט דעמדאָזיקן געזעץ האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט שרייבן אַלע האַנדלס־אָפּמאַכן, געשעפטס־טראַנזאַקציעס ניט אַנדערש ווי אויף ספּעציעלע הערב־פּאַפּירן, וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרקויפט פאַר טייערע פרייזן.

די קאָלאָניסטן זיינען דערפון שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן.

ביז איצט פלעגט ענגלאַנד געבן די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען דאָס רעכט צו באַטראַכטן און באַשטימען די גרויס פון די געלט־סומען, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אַריינטראָגן אין דער מלוכה־קאַ־סע. איצט האָט ענגלאַנד הפקרדיק, לויטן אייגענעם איינזען, אַרויפגעלייגט אָויף אַלעמען צינזן. דער אָפּצאָל איז געווען ניט אַזאַ שווערער, אָבער די קאָלאָניסטן זיינען געווען אומצופרידן דערמיט, וואָס מע האָט אָפּגענומען ביי זיי געוויסע רעכט.

די פאָלקס־פאָרשטייער האָבן זיך אין דער פאָלקס־פאַרזאַמ־לונג שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דעם אַטענטאַט פון די ענגלענדער אויף דער פרייהייט פון די אַמעריקאַנער.

זיי האָבן דערוויזן, אַז ווען מע זאָל דאָס מאָל באַצאָלן, וועלן ענגלאַנדס פּרעטענזיעס נאָך מער אויסוואַקסן און די ענגלענדער וועלן סוף כל סוף פאַרוואַנדלען די קאָלאָניסטן אין קנעכט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו טומלען. די אויפרעגונג קעגן דער גזירה איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעגנבעט די קאַסטנס מיט די הערבאָווע פּאַפּירן און זיי פאַרברענט.

אין ניו־יאָרק האָט זיך פאַרזאַמלט אַ קאָנגרעס פון דעפּוטאַטן פון אַלע קאָלאָניעס און דערקלערט, אַז די קאָלאָניעס וועלן פעסט פאַרטיידיקן זייערע פרייהייטן.

אין לאַנד האָט זיך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט, א. נ. „די ליגע פון ניט אַריינפירן״.

די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבן געגעבן אַ שבועה ניט צו ניצן קיין סחורות, וואָס ווערן אַריינגעפירט פון ענגלאַנד.

די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געוואַרט אויף אַזאַ ענער־גישן ווידערשטאַנד. זי האָט זיך דערשראָקן און אָפּגערופן די פאַר־אָרדנונג וועגן הערב־אָפּצאָל.

כדי אָבער צו באַווייזן די קאָלאָניעס, אַז ענגלאַנד אַנט־זאָגט זיך ניט פון דעם רעכט אַרויפצולייגן אָפּצאָלן, האָט ענגלאַנד פאַרגרעסערט די צאָל אויף אייניקע אַרטיקלען, וואָס ווערן געבראַכט קיין אַמעריקע, ווי גלאָז, לעדער, פאַרבן, טיי א. א.

די אומצופרידנקייט פון די אַמעריקאַנער איז נאָך מער אויסגע־וואַקסן. די „באָיקאָט־ליגע״ האָט געאַרבעט ענערגיש און האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט אין אַלע 13 קאָלאָניעס. אונטער דער ווירקונג פון איר אַגיטאַציע האָבן זיך די אַמעריקאַנער אַנטזאָגט פון די אַלע לוקסוס־אַרטיקלען, וואָס זיי האָבן ביז איצט באַקומען פון אייראָפּע.

זיי האָבן אַליין גענומען אָרגאַניזירן געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן געזאַמלט געלט און געבויט אייגענע פאַבריקן.

די אַמעריקאַנער פאַבריקן זיינען, אמת, געווען זייער קליין, ניט אַנטוויקלט. האָבן אויסגעאַרבעט פּשוטע סחורות; די אַמעריקאַנער האָבן זיי אָבער געשעטיצט.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך גערנער געקליידט אין פּשוטע שטאָפן פון היימישער פאַבריקאַציע, איידער אין געבראַכטן סאַמעט, זיידנס א. ד. ג.

די אַריינגעפירטע אַרטיקלען האָט מע כמעט ווי אויפגעהערט צו נוצן.

פלעגט זיך ביי עמיצן, למשל, צעברעכן אַ שויב, פלעגט ער שוין קיין נייע ניט אַריינשטעלן. און אַזוי איז געווען מיט אַלץ.

די האַפנשטעט האָבן דערקלערט די ענגלישע שיפסקאַפּיטאַנען, אַז זיי וועלן ניט דערלויבן אויסצולאָדן ביי זיך קיין געבראַכטן טיי. די ענגלענדער האָבן אָבער ניט געלייגט קיין אַכט אויפן באָיקאָט און פאַרגעזעצט דעם אַריינפיר.

איינמאָל זיינען קיין באָסטאָן געקומען ענגלישע שיפן מיט טיי. די אַמעריקאַנער פלעגן געברויכן זייער פיל טיי. אין דער צייט פון קאַמף האָט מען אים אָנגערופן „דער סם פון שקלאַפעריי".

די ליגע האָט דאַן אָרגאַניזירט אַן אָנפאַל אויף די שיפן. אין מיטן העלן טאָג איז אַ המון, פאַרמאַסקירט ווי אינדיאַנער, אָנגעפאַלן אויף די שיפן און אַריינגעוואָרפן דעם גאַנצן טיי אין ים אַריין.

טויזנטער מענטשן האָבן צוגעזען דאָס בילד און קיינער האָט די אָנפאַלער ניט געשטערט אין זייער אַרבעט.

דער אָנפאַל פון די אַמעריקאַנער אויף די שיפן האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די ענגלענדער.

זיי האָבן געטענהט, אַז די אַמעריקאַנער זיינען אומדאַנקבאַר און האָבן באַשלאָסן צו שיקן קיין אַמעריקע מיליטער, כדי צו צווינגען זיי מיט גוואַלט צו זיין געהאָרכזאַם.

אין דער צייט פון דידאָזיקע געשעענישן האָט זיך פרענקלין געפונען אין ענגלאַנד.

די פענסילוואַנער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט אים דעלעגירט אַהין פריער אין יאָר 1757 און נאָכער — אין יאָר 1764.

ווען אין ענגלישן פאַרלאַמענט האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע וועגן הערב־אָפּצאָל, האָט ער געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אַ סך ענגלישע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין פאַרלאַמענט, און געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלן פאַרטיידיקן די קאָלאָניסטן. ער האָט אָנגעוויזן אויף די אומיושרדיקע מיטלען, וואָס ענגלאַנד האָט אָנגענומען קעגן די קאָלאָניעס.

— די אַמעריקאַנער וועלן גערנוויליק קיינמאָל די צינזן ניט צאָלן סיידן מע וועט זיי דערצו צווינגען.

— אפשר קען מען דעם אָפּצאָל פאַרבייטן מיט אַן אַנדערן?

— האָט מען געפרעגט ביי אים אין פּאַרלאַמענט, ווהין ער איז איינגעלאַדן געוואָרן, כּדי ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג.

— די אַמעריקאַנער וועלן קיין נייע צינזן ניט צאָלן! — איז געווען זיין תּשובה. דער צוואַנג וועט זיי נאָך מער אויפרייצן און זיי וועלן זיך ביסלעכווייז אויסלערנען באַגיין אָן ענגלאַנד.

זיינע רייד האָבן טיילווייז געווירקט, אַז ענגלאַנד זאָל אָפּרופן די גזירה וועגן הערב-אָפּצאָל.

נאָכדעם האָבן נאָך עטלעכע קאָלאָניעס באַשטימט פרענקלינען פאַר זייער פאָרשטייער אין ענגלאַנד.

ער אַליין איז ניט געווען קיין מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, נאָר זיינע פריינד פון לאָרדן-הויז און פאָלקס-הויז פלעגן אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען און מיינונגען. זיי האָבן דערוויזן, אַז די אַמעריקאַנער וועלן ניט דולדן, ווען מע וועט באַגרענעצן זייער פרייהייט, אַז ענגלאַנד וועט מער פאַרשפּילן איידער געווינען אין דעמדאָזיקן קאַמף.

פרענקלין אַליין האָט געווירקט אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון ענגלאַנד דורך דער פּרעסע. אין פיל אַרטיקלען האָט ער אויפגעקלערט די לאַגע אין אַמעריקע, דערוויזן, אַז ס'איז נויטיק איינצוהאַלטן שלום צווישן ביידע לענדער.

וועגן דער פראַגע פון שטייערן האָט ער ספּעציעל אָנגעשריבן צוויי קליינע בראָשורן.

איינע איז געווען אָנגעשריבן כּלומרשט אין דעם נאָמען פון פּרייסישן קיניג, וועלכער האַלט זיך פאַר באַרעכטיקט צו באַשטייערן ענגלאַנד אויף דעם סמך, וואָס אין די אַלטע צייטן האָבן אין גרויס בריטאַניע געוווינט עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד.

די צווייטע בראָשור האָט געהייסן:

„אַ מיטל צו פאַרוואַנדלען אַ גרויסע אימפּעריע אין אַ קליינע מלוכה“. אין דער לעצטער בראָשור האָט ער געגעבן איראָנישע עצות דעם ענגלישן פּרעמיער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער

פרעמיער איז ניט בכּוח אָנצופירן מיט אַזאַ גרויסער מלוכה און מוז זען די מלוכה צו פאַרקלענערן. דערביי זיינען געווען אויסגערעכנט די אַלע געזעצן און מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן קעגן די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן.

— אויב איר וועט זיך צוהערן צו מיינע עצות — האָט זיך גערעדט אין דער בראָשור — וועט איר זיך אויף גיך באַפרייען פון דער מי אָנצופירן מיט די ווייטע קאָלאָניעס און פּטור ווערן פון אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן, וואָס עס פאַרשאַפן אייך די האַנדלס באַציִונגען מיט זיי.

דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון פרענקליס אַרטיקלען און בראָשורן. פיל האָבן אָנערקענט די ריכטיקייט פון זיינע מיינונגען

די מערהייט ענגלענדער איז אָבער געווען קעגן אים.

— די אַמעריקאַנער זיינען אומדאַנקבאַר, זיי בונטעווען זיך, מע דאַרף זיי איינשטילן! — האָט מען געטענהט אין מיניסטאָרן-ראַט, אין פאַרלאַמענט און אין דער געזעלשאַפט.

נאָך דער מעשה מיטן טיי האָט זיך די פיינדלעכע באַציִונג צו די אַמעריקאַנער מצד די ענגלענדער נאָך מער פאַרשטאַרקט. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו פאַרניכטן דעם האַפן אין באָסטאָן און אויסבויען אַ האַפן אין אַן אַנדער שטאָט, צוצושיקן פון ענגלאַנד פאַר מאַסאַטשוזעטס אַלע רעגירונגס-באַאַמטע און ריכטער, אָפּצונעמען ביי די קאָלאָניסטן דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אין דער אָנפירונג פון די קאָלאָניעס און שיקן קיין באָסטאָן אַן אָפּטיילונג חייל, וואָס זאָל לאָזשירן אין פּריוואַטע וווינונגען.

מע קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ שטורעם פון אויפרעגונג די אַלע באַשלוסן האָבן אַרויסגערופן אין אַמעריקע.

אַלע קאָלאָניעס האָבן באַשלאָסן ענערגיש צו פאַרטיידיקן מאַסאַטשוזעטס, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אָדער דער קבר אָדער דאָס וויגעלע פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט.

אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אָפּטיילונגען פון מיליץ.

אין געהיים האָבן זיך געגרינדעט פּולווער-און געווער-

פאַבריקן. דעם 5־טן סעפּטעמבער 1773 האָט זיך אין פילאַדעלפיע פאַרזאַמלט דער קאָנגרעס פון אַלע 13 קאָלאָניעס.

אין דעם קאָנגרעס האָבן אָנטייל גענומען די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון דער דאַמאָלסדיקער אַמעריקע: דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פּאַטריק הענרי, דזשאָן אַדאַמס, ליווינגסטאָן א. אַ.

דער קאָנגרעס האָט דאַן אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1) אונטערשטיצן מיט געלט און מיט חייל די קאָלאָניע מאַסאַטשוזעטס קעגן די ענגלענדער.

2) צונויפשטעלן אַ „דעקלאַראַציע פון רעכט", אין וועלכער עס זאָלן אויסגערעכנט ווערן די אַלע רעכט פון די צפון אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

דידאָזיקע רעכט זיינען אַלע קאָלאָניסטן גרייט צו פאַרטיידיקן מיט אַלע מיגלעכקייטן.

3) שיקן אַ ביטע צום ענגלישן קיניג און אַן אויפרוף צום ענגלישן פאָלק.

אין דעמדאָזיקן אויפרוף איז געווען געמאָלדן, אַז די אַמעריקאַנער האַלטן זיך אויך פאַר אַ פריי פאָלק ווי די ענגלענדער. זיי האָבן פאָרגעלייגט די ענגלענדער אויסצוווילן אַ נייעם פּאַרלאַמענט, וואָס זאָל ניט צעשטערן מיט ניט קיין פאָרזיכטיקע טריט דעם שלום און די ליבע, וואָס עקזיסטירט צווישן די בירגער פון דער בריטישער אימפּעריע.

די באַשלוסן פונם פילאַדעלפער קאָנגרעס זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן צו פרענקלינען, כדי ער זאָל איבערגעבן די ביטע דעם קיניג און פאַרשפּרייטן דעם אויפרוף צווישן די ענגלענדער.

פרענקלין האָט געזען, אַז זיינע מיטבירגער זיינען פעסט אַנטשלאָסן צו פאַרטיידיקן די פרייהייט און וועלן זיך ניט אונטערוואַרפן קיין גוואַלט.

ער האָט ווידער געפּרוווט דערקלערן די ענגלישע מיניסטאָרן, וואָס פאַר אַ געפאַר עס דראָט ענגלאַנד פון זייער האַנדלונג.

דער פּרעמיער־מיניסטער לאָרד נערד האָט געבעטן פרענקלינען אָנגעבן אַ מעמאָראַנדום און אָנווייזן דאָרט, אויף וואָס פאַר אַ

באַדינגונגען די אַמעריקאַנער וועלן איינשטימען אונטערצוואַרפֿן זיך ענגלאַנד.

פֿרענקלין האָט דעם מעמאָראַנדום אָנגעשריבן, איבעחזרנדיק אין אים דיזעלבע דעקלאַראַציע פֿון רעכט, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון דעם פֿילאַדעלפֿער קאָנגרעס.

דער מעמאָראַנדום איז געבראַכט געוואָרן אין מיניסטאָרן-ראַט און אין פּאַרלאַמענט. ביידע אַנשטאַלטן האָבן אָבער איינגעזען, אַז נאָכגעבן איז אַ דערנידערונג און אַ באַליידיקונג פֿאַר ענגלאַנד. ענגלאַנד טאָר ניט איינשטימען אויף אַזוינע באַדינגונגען.

נאָר אַ קליינע מינדערהייט האָט מסכּים געווען נאָכצוגעבן די אַמעריקאַנער.

צווישן זייערע פּאַרטיידיקער האָט זיך אַגב געפֿונען אַ געוויסער לאָרד טשאַטאַם. ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער ברודער-מלחמה, וואָס די מערהייט גרייט צו. ער האָט פֿאָרגעטראָגן אַ שלום-פֿאָרשלאָג, וואָס איז געווען ענלעך צו פֿרענקלינס.

מע האָט אים אָבער פֿאַרשריען און באַשולדיקט אין בגידה.

— ס'איז אוממיגלעך, אַז אַן ענגלישער לאָרד זאָל צונויפֿשטעלן אַזאַ פּלאַן! — האָט אַ צווייטער לאָרד אים איבערגעריסן די רייד — דאָס איז אַ ווערק פֿון אַן אַמעריקאַנער. איך זע אים דעם מחבר. ער איז איינער פֿון די שרעקלעכסטע פֿאַרביסנסטע שונאים פֿון ענגלאַנד!..

און ער האָט מיט אַ פֿאַראַכטלעכן זשעסט אָנגעוויזן אויף פֿרענקלינען, וואָס האָט זיך געפֿונען אין זאַל פֿון דער פֿאַרזאַמלונג.

לאָרד טשאַטאַם האָט זיך פֿאַרטיידיקט, דערוויזן, אַז ער אַליין איז דער מחבר פֿונם פּראָיעקט און פֿאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער:

— ווען איך וואָלט אַפֿילו געווען דער פּרעמיער פֿון ענגלאַנד, וואָלט איך זיך דאָך ניט געשעמט איינצולאַדן אַלס מיטאַרבעטער אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי באַקאַנט מיט די אַמעריקאַנער ענינים!... דעם וואָס מע האָט דאָ געוואָלט באַליידיקן, קען און אַכטן גאַנץ אייראָפּע פֿאַר זיין שכל און וויסן, ער ווערט געשעצט צוגלייך מיט אונדזערע גרעסטע געלערנטע.

אזא מענטש פאַרשאַפט כבוד ניט נאָר דעם ענגלישן פאָלק, נייערט דער גאַנצער מענטשהייט בכלל!...

פרענקלין האָט רויִק אויסגעהערט ווי די אָנפאַלן פון די פיינד, אַזוי אויך די פאַרטיידיקונג פון די פריינד.

ער האָט אָבער געפילט, אַז די מערהייט איז קעגן די אַמעריקאַנער און קעגן אים.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער קיניג אויך איינגעשטימט מיט דער מערהייט און אַקצעפּטירט דעם באַשלוס פון פּאַרלאַמענט.

כּדי איינצושטילן די ווידערשפּעניקע אַמעריקאַנער, זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן עטלעכע קריגס־שיפן מיט אַ גרעסערן חייל.

אויף פרענקלינען האָט מען אין לאָנדאָן אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף אַ שונא פון ענגלאַנד, וואָס העצט אויף מיט זיינע אַר־טיקלען און רעדעס זיינע מיטבירגער.

ער האָט דערזען, אַז ווייטער פאַרבלייבן אין לאַנד איז גע־פערלעך: מע וועט אים סוף כּל סוף אַרעסטירן. און ער האָט זיך דעריבער בשתיקה אַרויסגעגנבעט פון ענגלאַנד און איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

XX

די מלחמה צווישן ענגלאַנד און די פאַרייניק־טע שטאַטן. — פרענקלין זוכט הילף אין פראַנקרייך.

סוף מערץ 1775 האָט זיך פרענקלין צוריקגעקערט קיין אַמעריקע נאָך אַן 11־יאָריקער אָפּוועזנהייט.

אין לאַנד האָט געהערשט אַ מלחמה־שטימונג. דער ענגלי־שער חייל האָט זיך שוין געפונען אין אַמעריקע און אָנגעמאַכט דאָרט חורבונות.

די פאָלקס־מיליץ האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם חייל. די איז אָבער געווען צו שוואַך און ניט געקאָנט אים באַקעמפן.

אויף מאָרגן נאָכן אָנקומען איז פרענקלין אויסגעוויילט גע־

וואָרן דורך דער פענסילוואַנער פאָלקס־פאַרזאַמלונג פאַר אַ דעלעגאַט צום צווייטן קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן אין פילאַדעלפיע דעם 10־טן מאַי.

דער צווייטער פילאַדעלפער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, אַז די קאָלאָניעס וועלן זיך פאַרטיידיקן מיט אַלע מיגלעכקייטן און האָט באַשטימט דזשאָרדזש וואַשינגטאָנען פאַרן הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער חיל.

דער יונגער גענעראַל, וואָס האָט זיך שוין קונה שם געווען אין דער צייט פון דער מלחמה מיט די פראַנצויזן און ביי די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די ענגלענדער, האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אָרגאַניזאַציע פונם אַמעריקאַנער חיל.

פרענקלין, דאַן שוין אַ 70־יאָריקער זקן, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. 6 פרי פלעגט ער שוין קומען אין „זיכערהייטס־קאָמיטעט", וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אינעווייניקסטע ענינים פון פענסילוואַניע, און פלעגט אַרבעטן ביז 9. דאַן פלעגט ער ביז שפּעט אַרבעטן אין קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס האָט געפּרווט באַכאַמאָל פאַרלייגן ענגלאַנד אַ שלום.

ער האָט פאַרלאַנגט, אַז ענגלאַנד זאָל אָפּרופן די געזעצן קעגן די קאָלאָניעס.

די ענגלישע רעגירונג האָט אָבער געענטפערט אויפן פאָרשלאָג מיטן צושיקן נייע מיליטער־אָפּטיילונגען.

דער קאָנגרעס האָט ענדלעך דערזען, אַז אַ שלום צווישן די קאָלאָניעס און ענגלאַנד איז ניט מיגלעך, אַז די קאָלאָניעס מוזן בילדן אַ פרייע אומאָפּהענגיקע מלוכה.

דעם 4־טן יוני 1776 איז די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט פייערלעך דערקלערט געוואָרן.

פון יענער צייט אָן איז אין אַמעריקע געגרינדעט געוואָרן אַ נייע מלוכה — די צפון אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן.

אַלע קאָלאָניעס האָבן מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען די פּראָקלאַמירונג.

דער קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט בראש פון דעם פאַרבאַנד.

מיט די אינעוויניקסטע ענינים האָט יעדער קאָלאָניע אָדער יעדער שטאַט אָנגעפירט זעלבשטענדיק.

די מאַכט איז אַריבער צום „קאָנווענט" פון די אויסדערוויילטע.

די ענגלישע גובערנאַטאָרן און באַאַמטע האָבן די מאַכט פאַרלאָרן.

פרענקלין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פונם פענסילוואַנער קאָנווענט.

די מלחמה האָט געדויערט.

די ענגלענדער פלעגן אַלע ווײַלע באַקומען פאַרשטאַרקונגען פון אייראָפּע. די אַמעריקאַנער האָבן ניט געהאַט קיין ריכטיק אָרגאַניזירטער אַרמיי.

די מיליץ האָט געהאַט ווייניק בגדים און געווער, איז ניט געווען אַזוי באַהאַוונט אין דער קונסט פון מלחמה־פירונג.

ניט געקוקט אויף זייער העלדישקייט און אויף דער קלוגער אָנפירונג פון וואַשינגטאָנען, האָבן די קאָלאָניסטן די ערשטע צייט געליטן מפּלות.

דער קאָנגרעס האָט דאַן באַשלאָסן צו זוכן פאַרבינדעטע צווישן די אויסלענדישע מלוכות. קודם כּל האָט ער זיך געווענדעט נאָך הילף קיין פראַנקרייך.

אַלס פאָרשטייער פון דער נייער מלוכה צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט פראַנקרייך איז געשיקט געוואָרן פרענקלין.

דער זקן האָט זיך קיין מינוט ניט געוואַקלט אָנצונעמען די פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות און איז גרייט געווען תּיכף צו פאָרן ניט געקוקט אויף זיין עלטער און אויף דער סכּנה פון דער ים־רייזע.

אַז מע האָט אים איבערגעגעבן דעם באַשלוס וועגן זיין באַשטימונג, האָט ער זיך אָפּגערופן צו די שלוחים בזה הלשון: „מיין לעבן גייט צום סוף, איך בין גרייט צו זאָגן, ווי דער שניטקרעמער, וואָס האָט אַלץ פאַרקויפט און איז פאַרבליבן נאָר ביי אַ קליינעם רעשט: — נעמט עס, פאַר וועלכן פּרייז איר ווילט, עס לוינט זיך וועגן דעם נישט צו דינגען"!..

סוף 1776 איז פרענקלין געקומען קיין פּאַריז.

אין פראַנקרייך האָט מען שוין פון לאַנג מיט גרויס אינ־טערעס זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אַמערי־קע. די דאַמאָלסדיקע פראַנקרייך האָט סימפּאַטיזירט מיט די יע־ניקע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט. אויסער דעם האָט מען דאָרט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן די מפּלה, וואָס פראַנקרייך האָט געליטן פון ענגלאַנד אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה.

פראַנקרייך וואָלט איצט גאַנץ גערן געוואָלט זען די מפּלה פון ענגלאַנד — איר שונא.

אומעטום האָט מען דעריבער פרענקלינען באַגעגנט מיט גרויס כּבוד.

מיט זיין איינפאַכקייט אין קליידונג, מיט דער פריינדלעכער באַציונג צו מענטשן, מיט זיין גוטמוטיקייט און שׂכל — האָט ער צוגע־צויגן צו זיך אַלעמעס הערצער.

ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס, פלעגט די גאַס פול ווערן און אַ גרויסער המון נייגעריקע פלעגט אים שטענדיק נאָכגיין.

צו אים אויפן קוואַרטיר פלעגן קומען די געבילדעטסטע מענטשן פון יענער צייט: פילאָזאָפן, געלערנטע, שריפטשטעלער. דאָרט פלעגן פאָרקומען לעבהאַפטע שמועסן, פלעגן צוגעגרייט ווערן אַרטיקלען פאַר צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל מיטצוהעלפן אַמעריקע אין איר קאַמף קעגן ענגלאַנד.

דאָרט האָט פרענקלין געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די מיניסטאָרן פון פראַנצויזישן קיניג לודוויק XVI, דערוויזן זיי מיט פאַרשיידענע ראיות, אויף וויפיל ס׳איז גינסטיק פאַר פראַנקרייך דער פאַרבאַנד מיט די פאַראייניקטע שטאַטן.

גלייכצייטיק האָט פרענקלין אויך אָנגעפירט מיט פיל אַמעריקאַנער אַגענטן, וואָס האָבן בשתיקה איינגעקויפט מלחמה־מכשירים פאַר די שטאַטן.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיך לאַנג געוואַקלט אָנצו־נעמען פרענקלינס פאָרשלאַג.

שליסן אַ פאַרבאַנד מיט די שטאַטן האָט געהייסן אַרויס־רופן ענגלאַנד אויף אַ מלחמה.

צום גליק האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי אין זומער 1777 אָפּגעהאַלטן עטלעכע נצחונות איבער די ענגלענדער.

די פראַנצויזן האָבן דערזען, אַז די שטאַטן זייגען אַ כּוח און האָבן ענדלעך דעם אָפּמאַך אונטערגעשריבן, אָנערקענענדיק דערביי די שטאַטן פאַר אַ זעלבשטענדיקע מלוכה.

טיילווייז האָט דאָס די פראַנצויזישע רעגירונג געטאָן אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון פראַנקרייך איז שוין פון לאַנג געווען אויף דער זייט פון די קאָלאָניסטן. אין פאַרשיידענע שטעט פון פראַנקרייך און אויך פון אַנדערע לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצושטעלן אָפּטיילונגען פון פרייוויליקע יונגעלייט, וואָס זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, כּדי צו קעמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן. *)

צווישן דידאָזיקע פרייוויליקע פאַרטיידיקער פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט האָט זיך אגב אויך געפונען דער באַרימטער פוילישער פרייהייטס־קעמפער ק אָ ס צ י ו ש ק אָ.

לויט דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך האָט זיך פראַנקרייך פאַרפליכטעט אונטערצושטיצן די שטאַטן אין זייער קאַמף, ביז אָפּשטעלנדיק זיך אַפילו פאַר אַ מלחמה מיט ענגלאַנד.

די שטאַטן פון זייער זייט האָבן זיך מתחייב געווען — קיינמאָל ניט צו אָנערקענען איבער זיך די איבערהערשאַפט פון ענגלאַנד, עפענען די אַמעריקאַנער האַפנס פאַר אַ פרייען האַנדל מיט פראַנקרייך און מיט אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער.

נאָכן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך האָט דער דאַמאָלסדיקער פראַנצויזישער קיניג לודוויג XVI אויפגענומען פרענקלינען ביי זיך אין פּאַלאַץ. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די פּראַכטפולסטע זאַלן. דער זאַל איז פול געווען מיט די הויפישע מאַגנאַטן, וואָס זיינען געווען אויסגעצירט אין סאַמעט און אין אַטלעס, אין גאָלד און אין די טייערסטע איידלשטיינער.

פרענקלינען איז דער גאַנצער אַרומיקער פּוץ און גלאַנץ געווען

*) אין דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן האָבן אויך גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל יידן פון אַמעריקע און פון אייראָפּע. געגויער וועגן דעם אין אונדזער בראָשור וועגן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

שטאַרק דערווידער. ער איז אַריינגעקומען צום קיניג אין פשוטע שוואַרצע בגדים. אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט.

זיבן יאָר האָט פרענקלין נאָכדעם פאַרבראַכט אין פּאַריז ווי אַ פאָרשטייער פון די שטאַטן אין פראַנקרייך.

ווי מע האָט געקענט דערוואַרטן, האָט אינגיכן אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד. איצט אָבער איז שוין דער נצחון געווען אויף דער זייט פון פראַנקרייך. דער פראַנצויזישער פלאָט האָט באַזיגט דעם ענגלישן אין מיטללענדישן ים און דער פראַנצויזישער חייל האָט זיך מוטיק געשלאָגן אין אינדיע.

אויסער דעם האָבן נאָך די .פראַנצויזן געשיקט עטלעכע קריגסשיפן קיין אַמעריקע, געשטיצט די שטאַטן מיט געלט.

נאָך אַ גאַנצער ריי בלוטיקע קאַמפן האָט די אַמעריקאַנער אַרמיי, געשטיצט פון די פראַנצויזן, ענדלעך אַרומגערינגלט די ענגלישע הויפט-כוחות; דער פראַנצויזישער פלאָט האָט זיי פאַרשפאַרט דעם צוריקוועג צום ים און דער ענגלישער גענעראַל קאָרנוואַליס איז געצוווּנגען געווען זיך אונטערצוגעבן.

ענגלאַנדס שטאָלץ איז געבראָכן געוואָרן.

באַלד האָבן איר דערקלערט מלחמה אויך שפּאַניע און האָלאַנד, מיט וועלכע פרענקלין האָט אויך געשלאָסן אָפּמאַכן.

קעמפן מיט אַזויפיל שונאים איז ענגלאַנד ניט געווען בכוח און זי האָט אין יאָר 1782 גענומען ריידן וועגן שלום.

דערווייל איז פרענקלין קראַנק געוואָרן און ער האָט זיך געווענדעט צום קאָנגרעס מיט אַ ביטע, מע זאָל אים פאַרבייטן מיט אַ צווייטן און דערלויבן אים זיך צוריקקערן אַהיים.

ס'איז אָבער שווער געווען צו געפינען די פּאַסיקע פערזאָן און דער קאָנגרעס האָט זיין ביטע ניט דערפילט.

— דערפירט ביז אַ גליקלעכן סוף די פּראַכטפולע אַרבעט, וועלכער איר האָט זיך איבערגעגעבן—האָט געשריבן צו פרענקלינען דער פאָרזיצער פון קאָנגרעס—און דאָס פאָלק וועט אייך געבן רו.

פרענקלין האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון קאָנגרעס און פאָרגעזעצט די אַרבעט.

ניט געקוקט אויף די פיזישע ליידן, זיינען זיינע גייסטיקע כוחות ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ער האָט קלוג און פאָרזיכטיק געפירט די שלום־אונטערהאַנדלונגען מיט ענגלאַנד.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן גאַנצע 1½ יאָר. ענדלעך אין סעפּטעמבער 1783 איז דער שלום־אָפּמאַך געשלאָסן געוואָרן. ענגלאַנד האָט אָנערקענט די פולע זעלב־שטענדיקייט פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס און די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געוואָרן אַ מלוכה מיט פעסט־באַשטימטע גרענעצן.

לויטן אָפּמאַך האָט ענגלאַנד פאַרלאָרן אַלע האַנדלס־פּריווילעגיעס און די אַמעריקאַנער האַפנס זיינען געבליבן אָפן פאַר אַלע לענדער פון דער וועלט.

פרענקלין האָט נאָך געשלאָסן האַנדלס־טראַקטאַטן מיט שוועדן און פּרייסן און דאַן אין האַרבסט 1785 זיך צוריקגעקערט אַהיים.

אין פילאַדעלפיע האָט דאָס פאָלק צוגעגרייט פאַר פרענקלינען אַ פייערלעכן קבלת פנים.

מע האָט אים באַגעגנט מיט האַרמאַטנשאָסן און גלאָקנקלאַנגען. דער ברעג איז פול געווען מיט מענטשן. די בכבודיקסטע לייט האָבן לכבוד אים געהאַלטן פייערדיקע רעדעס.

טיף גערירט האָט פרענקלין באַדאַנקט דעם עולם פאַרן גרויסן כבוד, וואָס מע טוט אים אָן און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אייניקלס האַנט, איז ער אַוועק אַהיים.

איינגאַנצן רוען האָט מען אים נאָך אָבער אַלץ ניט געלאָזט. צו זיין אַכציקיאָריקן עלטער ווערט ער אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון פענסילוואַניע און אין אַ יאָר אַרום — אַלס אַ דעלעגאַט צום באַרימטן קאָנגרעס (קאָנווענשאָן), וועלכער האָט אָנגענומען די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

פאַר די לעצטע 15 יאָר פון זיין לעבן האָט פרענקלין געשריבן זיין אייגענע לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז איינע פון די מערקווירדיקסטע אויטאָביאָגראַפיעס, וואָס באַרימטע פערזאָנען האָבן נאָך זיך ווען עס איז געלאָזן. פרענקלין דערציילט זיין

לעבנס־געשיכטע מיט אזא אָפנהערציקייט, גוטמוטיקייט און איינ־פאַכקייט, אַז לויט אָט דעם ווערק אַליין קען מען משפּטן וועגן דער העכסט־סימפּאַטישער נאַטור פון זיין מחבר. די אויטאָביאָ־גראַפיע איז דערפירט ביזן יאָר 1757.

פרענקלין האָט געאַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויף אַלע געביטן האָט זיך אים איינ־געגעבן פיל אויפצוטאָן. אויף איין געביט נאָר האָט זיך אים כמעט גאָרנישט ניט איינגעגעבן צו דערגרייכן. דאָס איז אויפן געביט פון אָפּשאַפן שקלאַפעריי.

פרענקלין איז געווען אַ קעגנער פון שקלאַפנהאַנדל און האָט שטענדיק געקעמפט מיט זיינע אָנהענגער. אויך אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָנגעשריבן און אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע צום קאָנגרעס פון דער געזעלשאַפט צו קעמפן מיטן קנעכט־האַנדל. אין דער פּעטיציע האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נויטי־קייט צו מאַכן אַ סוף צו דער שענדלעכער שקלאַפעריי. צו זען אָבער די באַפרייונג פון די שוואַרצע האָט ער שוין ניט דערלעבט. *)

די לעצטע חדשים פון זיין לעבן איז פרענקלין ניט אויפ־געשטאַנען פון בעט. די קראַנקייט האָט אים שטאַרק אויסגעמאַ־טערט, נאָר ער האָט העלדיש אַריבערגעטראָגן די ליידן און ביזן לעצטן טאָג ניט פאַרלאָרן די רויִקייט און מונטערקייט.

געשטאָרבן איז ער דעם 17־אַפּריל 1790, אין עלטער פון 84 יאָר.

דער טאָג פון פרענקלינס טויט איז אין די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג. אַלע שטאַטן האָבן באַשטימט אַן אַלגעמיינעם 2־חדשימדיקן טרויער. איבער דער געביידע פון קאָנגרעס איז אין משך פון דער צייט געהאָנגען אַ שוואַרצע פאָן.

אויך אין אויסלאַנד איז די ידיעה וועגן פרענקלינס טויט אויפגענומען געוואָרן מיט טרויער.

כּדי צו פאַרייביקן דעם נאָמען פון דעם גרויסן נפטר, האָט

---

*) וועגן דער באַפרייונג פון די שוואַרצע אין אַמעריקע זע דאָס ביכל פון ש. באַסטאַמסקי — „די באַפרייונג פון די שוואַרצע קנעכט״, ווילנע, 1922.